קp 13 .N.10

מסע משה

לארץ הקדושה

להיטיב מצב החיים, מאחינו יושבי ירושלים.

הוא ניהו השר הגדול בישראל שמו, כהור״ר

משה מונטיפיורי נ״י לפני שמש ינון שמו!

דאס איז איין רייזע בעשרייבונג וויא דער שר „משה מונטיפיורי״ נ״י האט גירייזט קיין ארץ ישראל׳ אין יאהר תרכ״ו, 1866 יאהר, אום דיא לאגע פון אונזערע ברידער דיא דארטיגע איינוואוינער צו פארבעסערין אויף אימער. אונ האט דאס ביכל זעלבסט גישריבן אין דיא ענגלישע שפראכע. אונ האט גיבעטין אז מען זאל דאס איבער זעצען אין אלע שפראכען. אז אלע יודען אין אלע לענדער זאלען דער פון וויסען, אונד זאלען איהם מיט העלפען זיינע פלאנען אויס צו פירען.

וואַרשא

בדפוס ר׳ אפרים בוימריטער ושותפו ר׳ יצחק ראטבלאט

MASA MOSZA

Nakład i własność S. G. Munka.

WARSZAWA

w Drukarni F. Baumritera. i J. Rotblata.

1867

22

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

Дозволено Цензурою.

Варшава 26 Мая 1867 г.

הקדמה

אין יאהר תרכ"ו האט דער צדיק סיר **משה מונטיפיורי נ"י.** געדייזט דאס זעכסטע מאהל נאך ירושלים, יעצט איז ער געפאהרן נאך ירושלים, נור צוא פאר בעסערין דיא לאגע פון דיא יודען דיא דארטיגע איין וואוינער, זייא צוא העלפין אונ פאר בעסערין זייער שטאנד אויף לאנגע צייטען, אונד האט צו זאמען גערופן דארט אלע גרעסטע לייט דיא רבנים. פרנסים, גבאים אונד האט זייא געפרעגט עצות אונד מיטלען. וויא אזוי זייא צו העלפען אויף אלע מאהל אז זייא זאלען שוין מעהר זאלכע גרויסע ארמוטה נישט ליידען, אונד דער סיר **משה מונטיפיורי** זעלבסט האט דס אלץ מיט זיין אייגענע האנט בעשריבען דיא גאנצע רייזע בעשרייבונג אויף ענגליש אונד האט געבעטען אז מען זאל דאס איבער זעצען אין אלע יודעשק שפראכען, כדי אלע יודען אין אלע לענדער זאלען וויסען דען פלאן וואס עס איז געבליבען בייא איהם מיט וואס זיי צו העלפן אונד בעט פון אלע יודען פון אלע לענדער זאלען מיט העלפען די פלאנען אויס צו פירען. אויך זאלען זייא זעהען די גרויסע הייליגע לוסט פון די יודען די דארטיגע איין וואוינער צו דעם הייליגען לאנד אז עס איז זיי ליבער צו לעבען דארט אין דעם הייליגען לאנד אין נויט אין הונגער אין ארמוט, איידער צו לעבין אין חוץ לארץ אין פערגעניגען, אזוי דארפן מיר אויך אן זייא אונד אן אונזער הייליגען ארץ ישראל געדיינקען צו העלפען מיט אונזער פערמעגין אזוי ווי דער צדיק סיר **משה מונטיפיורי נ"י** אונד אזוי וויא מיר האבען אויף זיך גנומען בשבועה, אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני. תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי, אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי, ובזכות דעם ווילן מיר זוכה זיין צו זעהען אונד צו פרייען זיך בנחמות ציון וירושלים, אמן:

אס איז דיא בעשרייבונג וויא דער סיר משה מאנטעפיורי הי"ו האט געשריבען דיא גאנצע רייזע אן דעם הער יוסף מאיר מונטיפיורי דער פארשטייער פון דיא טייערע חברה שלוחי קהלות ישראל אין לאנדאן:

מיין געליבטער, אין חודש סעפטעמבער דיזעס יאהר האבטו מיר געשיקט אין נאמען פון דער גאנצער חברה וואס דוא ביסט דער עלסטער פאר שטייער (גבאי) פון זייא אז דאס געלט וואס עס איז געווארען איין געזאמעלט פאר אונזערע ברידער דיא וואס וואוינען אין היילינגען לאנד, וואס זייא האבען אין דעם פאריגען אויך דיזעס יאהר געליטען הונגער, הייטשעריקען, אונד קרענקע ר"ל, פאר לאנגסטו אין נאמען דיא גאנצע חברה אויב איך וויל דאס געלט מיט נעמען אונד צו טיילען אין דעם היילינגען לאנד, אויף וואס אונד וועמען איך מעל פאר שטיין וואס נייטיג איזט ווייל איר ווייסט אז איך וויל רייזען אויף פסח הבעל"ל קיין ירושלים, מיט מיין גאנצען לעבען וויל איך דאס אן נעמען ווייל איך וואר שוין פינף מאהל אין דעם היילינגען לאנד, אונד יעצט פאהר איך שוין דאס זעקסטע מאהל אין מיין לעבן, אונ לויט וויא איך ווייס זייער גרויסע ארמוטה אונד נויט, פון דיא פילע אלמנו"ת אונ יתומים. אזוי וויא איך פלעג אייך פיל מאהל צו שרייבען אונ בעקאנט מאכען, וואס איך האב געהאט דיא נאכריכט פון דיא טייערסטע לייט פון דארטען, אזוי וויל איך יעצט זעהן אונ זוכען מיטלען אונ עצות, אז איך זאל קענען זייער לאגע פאר בעסערן אויף לאנגע צייטען, איך זאל קענען אפ טאהן דיא סיבות אונ דיא אורזאכען פון וואנען זייערע אומגליקען וואקסען, האב איך אזוי געטאהן, אונ איך האב דאס גאנצע געלד פון דיא חברה איבער געלאזט צו פירען הייזער פאר

ארעמע לייט, אז זיא זאלען האבן דירות בחנם, אויסער 200 פונט שטערלינג וואס איך האב הער פון אוועק געגעבן אויף איין אנדערע תכלית אזוי וויא איך וועל דיר נאכהער שרייבען, אונ חוץ מיין אייגען געלד וואס איך האב צו טיילט בארעמען.

אונד וויא איך בין צו ריק געקומען פון דעם היילינגען לאנד, האב איך געוואלט שרייבען צו די חברה די גאנצע בעגעבענהייט פון מיין רייזע אונ אויף וואס איך האב דאס געלד פר טאן וואס זיא האבן מיר מיט געגעבן, נאר איך האב דאס נישט געקענט מאכען ווייל איך וואר זייער טרויריג אונד בעקימערט אויף דעם טויט פון מיין טייערן פריינד מיין טייער דאקטער באדקין ז"ל וואס איך האב פערלוירען אויף דיא רייזע, אונ דער צו וואר איך ניט געזונד צוויא מאנאט, דאס האט מיר אלץ אויף געהאלטען וואס איך האב דיר ניט געקאנט בענאכריכטען ביז אהער פון דעם אלעמען. אינד יעצט גאט צו דאנק אז איך בין צו ריק געקומען צו מיין געזונד, האב איך מיר יעצט צייט גענומען אלעם צו בעשרייבען אונ גאנץ ריכטיג איך פאר צו שטעלען דיא לאגע פון אונזערע ברידער דיא וואס וואוינען אין דעם היילינגען לאנד, אונ איך וועל דאס שרייבען אזוי וויא א צייטונג שרייבער, דאמיט אז אלע יודין אונזערע ברידער פון אלע לענדער וואס ווילן וויסען אונ זארגן פאר זייערע ברידער וום וואוינען אין ארץ ישראל זאלין זעהן מיט וום פר א הייליקייט זייערע הערצער זענען צו געבונדען צו דעם היילינגען לאנד.

אונד ווען איך פלעג צוא רייזען נאך אנדערע לענדער צוא העלפען מיינע ברידער, פלעגען דיא מיניסטאריום פון אונזער לאנד פיל צו העלפען מיט דעם וואס זיא האבען מיר מיט געגעבן בריף רעקאמענדאציאן צו דיא קאנזולען פון אונזער לאנד צו דיא קעניגען אונד מיניסטאריום פון דיא לענדער וווא איך האב געדארפט, אונד דאס האט מיך פיל גענוצט אונד געהאלפען, אזוי האב איך מיר יעצט פאר מיין אפ רייזען אויך

גקעהרט צו אונזערע מיניסטערס אונ זיי האבן מיר מיט זייער
גוט הערץ גלייך געטאן מיין וואונש, אונד זייא האבען מיר
גגעבן גוטע בריף וואס האט מיר פיל נוצען געמאכט, אונד דאס
האט מיר פאר גרויסע לייט פאר גשטעלט, אזוי בין איך מחוייב
צום ערשטען צו דאנקען אונזערע מיניסטערס, איבער הויפט
אן דעם גרויסען מיניסטער לארד קלארענדאן וואס ער האט
מיר מיט גגעבן אבריף צו דעם ענגעלישען קאנזול מארע וואס
זיצט אין ירושלים, אונד צו דיא אלע קאנזולען וואס זענען
אין יענעם לאנד, אונ דיא קאנזולען האבען מיר ווידער גגעבן
אבריף צו איצעט פאשא דער גובערנאטאר פון ירושלים, אויך
האבן מיר דיא טערקישע קאנזולען וואס זיצען דא אין לאנדאן
גגעבן בריף צוא דיא גובערנאטארען אונ פירשטען פון ארץ
ישראל אונ דאס האט מיר אלין גרויסע טובות געטאן גאר אן
איין ערך אונ אן אשיעור אויף דיא יעצטיגע רייזע: אויך בין
איך מחוייב צוא געבן איין העפליכען דאנק אן דעם באראן
ברונאוו דער רוסישער געזאנדעטער וואס זיצט אין קיניגליכען
שלאס אין לאנדאן וואס ער האט מיר גגעבן אבריף צוא דעם
רוסישען יענעראל קאנזול קארסטאף וואס ער זיצט אין
ירושלים, אויך דאנק איך דעם פאשא מוזורס דער טערקישער
געזאנדעטער וואס זיצט אין קיניגליכען הויף אין לאנדאן אויף
זיין גענאדע אונד גוטעס וואס ער האט געגען מיר געציינט דא
יעצט ביי מיין לעצטע רייזע, מיינע גוטע פריינד די וואס האבן
מיר בעגלייט אויף מיינע רייזע וואר מיין טייערער געליבטער
דאקטער האדקין וואס איך קען מיר אויף זיין טויט ניט טרייסטן,
דער קאפיטאן העברי מארע דער ברודער פון דעם ענגלישען
קאנזול וואס איז אין ירושלים, דער דאקטער (פילאזאפיא) לעווי
מיין בעסטער פריינד וואס ער וואר שוין פיל מאל מיט מיר
צו זאמען אויף דער רייזע אונ צווייא מאהל וואר ער שוין מיט
מיר אין ירושלים, אונ מיט זיין חכמה אונ קענטעניס וואס

ער קען אראבעש וואר ער מיר צו גרויס הילפע אונ נוצען אין מיין רייזע , אויך וואר מיט מיר מיינע טייערע פערוואנטע דר הער סעבאג מיט זיין טייערע פרויא , דיא אלע האבען מיט מיר מיט געוייזט . אויך דאנק איך מיט פריידע די תפלות וואס מען האט אין פיל שולען מתפלל געווען צו גליק מיין רייזע , אונד דאנק אויך הרב ר' נתן אדליר הכהן נ"י פאר די תפלות וואס ער האט מחבר געווען צו בעגליקען מיין וועג . אונד וויל איך האב געוואוסט צו וואס פאר אגרויסען תכלית איך בין יעצט גפארען האב איך אויך גרעכנט צו זיין אויף מיין ווייבס קבר מתפלל זיין (אז איה זכות זאל מיר בייא שטיין אויף דעם וועג , וויל זיא ע"ה וואר מיר צו הילפע מיט איהרע גרויסע צדקות) צו השי"ו וואס ער האט ליב דיא טויערען פון ציון , אז ער זאל שיקען זיינע מלאכים צו היטען מיר מיט דיא מענשען וואס עס זענען מיט מיר מיט אויף דעם וועג , אונד זאל בעגליקען אונ ערפילען אונזער וואונש אונד אונזער רצון וואס מיר פערלאנגען אויף די הייליגע שטאט וואס זיין נאמען ווערט אויף איר גערופען .

אום דינכטאג דען 27 פעברואר האבן מיר פאר לאזט ענגלאנד אונד אין דיא זעלבע נאכט זענען מיר געקומען נאך פאריז , אונד אויף שבת דען 2 מארץ זעו ? מיר געקומען נאך מארשיליאה . אונד וויל דאמאלס וואו ער איין שטארקער גאס רעגען . האב איך נישט געקענט גיין אין שול מתפלל זיין , האב איך געמאכט בייא מיר מנין , אספר תורה האב איך מיט געהאט מיינע , נאך מיטאג זענען גקומען פיל מענשן אונז בעזוכען , אונד אלע האבן פיל גוטעס גרעט אונד העככט געלויבט דיא יודישע געמיינדע אין מארשיליאה . עס גפינען זיך דארט פיל בעלי בתים פון מאראקא , טונים , אונד ירושלים . אונ זיי האבן זייער אשיינע שול אונ אטירען רב ער הייסט כהן :

אום מאנטאג דען 5 מארץ האבן מיר זיך געזעצט אויף דיא שיף מיט איר נאמען פונא , אונטער דיא אויבאכט פון דען

שיף

שיף קאפיטאן מיט זיין נאמען קורלינג. איך מוז אים אויך מיין העפליכען דאנק זאגען פאר זיין גוטען אויפאכטונג אויף אונז די גאנצע צייט וואס מיר ווארען ביי אים אויף דיא שיף, אונד אם 12 מארץ ווען מיר גקומען קיין אלכסנדריאה פון מצרים. גלייך וויא מיר זענען אהין גקומען אין דיא גרויסע שיינע שטאט וואס זיא איז בעקאנט אויף דר וועלט, זענען מיר באלד אלע גגאנגען אין שול וואס זיא הייסט .כנים אליהו. וויא מען זאגט אז דארטן האט זיך אמאל אליהו הנביא גוויזען, אונד זיא שטייט אויף דעם ארט וואו עס איז אמאל גשטאנען דר .מקדש חוניו. אונד דארט האבען מיר פאר גאט אונזרע הערצער פאר גאט בזה מיט ליב אונ דאנק וואס ער האט אונז בשלום גבראכט איבער דעם ים נאך דעם פארט פון מצרים, אונד אז איך האב גוואלט ארויס גיין פון דיא גרויסע שיף אויף דיא קליינע שיף צו גיין צום פארט אין אלכסנדריא האב איך מיר אזעלך גגעבן אין פוס, וואס דאס האט מיר גרויס שמערץ אן געמאכט, דאדורך האב איך געמוזט איינגע טעג בלייבן אין אלכסנדריא געגן מיין ווילען, אין דיא טעג האב איך מיר דר וויל מיינע בריב מסדר געוועזן וועלכע נייטיג איז מיר גוועזן צו מיין רייזע, אויך בין איך גוואר גווארען פיל נייטיגע זאכען פון ירושלים הורק החכם ר׳ יוסף בורלא אונד דורך אנדערע מענשן פון ירושלים, אונ וויא איך האב גהאט גרויסע שמערצן פון דיא יסורים פון מיין פוס, אזוי האב איך גהאט גרויס נחת אונ פערגניגען צו הערן פון הרב ר׳ נתן עמרם דער רב פון אלכסנדריא אונ פון אנדרע זקנים וויא דיא לאגע פון אונזערע ברידער אין מצרים איז זייער גליקליך אין אלע געגענשטאנד, אונד שפרעכן ענגליש, פראנצעזיש, אונד איטאליעניש, אונ גייען אין אראפעישע קליידער:

אום זונטאג דען 18 מארץ האבן מיר אפ גזעגעלט פון אלכסנדריא פון מצרים, אונ צו מארגענס נאך מיטאג זענען מיר

גקומען קיין יפו. דאס איז דר ערשטער פארט פון ארץ ישראל. ווייא איך בין ארויס אויף דר יבשה ווענן אנקייגן גקומען מיר

אנטפאנגען דר גובערנאטור מיט זיינע בעאמטע אונד דר יענעראל וואס איז איבער דעם חיל וואס אין דיא שטאט איז אונד אלע גרעסטע פון אלע נאציאנען ווענן מיר אנטקייגען גקומען מקבל פנים זיין. אונ ווייא איך בין גקומען אין גאסט הויז איז מיר גקומען איין טעלעגראף פון ירושלים, אז זייא ווינשען מיין קומען צו גליק אונד צוא פרידע, אויך ווענן צוא מיר גקומען באזוכן דיא גרעסטע לייט פון דארטן, אונ מיט גרויס פריידע האב איך אנטפאנגען דעם ענגלישען קאנזול מארע, וואס איז צו מיר גקומען אז פון ירושלים מיר צוא באזוכן, אונ ער האט אן גגרייט אלס וואס מיר דארפן אויף אונזער רייזע נאך ירושלים דיא היילגע שטאט. איידער איך בין אוועק פון ענגלאנד האב איך גרעכנט פאר נייטיג אז איך זאל וויסען פריער דיא לאגע פון מיינע ברידער דיא וואס זיצען אין ארץ ישראל, כדי איך זאל וויסען דיא אורזאכען פאר וואס זייא זענן אזוי ארעם, אונד מיט דעם זאל איך פאר שטיין וויא אזוי צו זוכען מיטלען אונ עצות אפ צו טאן פון דיא זייער ארכוט אונ שלעכץ, אזוי האב איך מיר אן גענגרייט אויף געשריבן אויף פאפיר איינגע שאלות צו זייא אז זייא זאלן מיר ענטפערן אויף דעם, דיא הויפט פראגען איז גוועזן 1) וויא פיל שולען אונד וויא פיל ישיבות גפינען זיך אין יעדער שטאט? 2) וויא פיל חברות גפינען זיך? 3) וויא אלט יעדער איז? 4) מיט וואס יעדער מענש באשעפטיגט זיך? 5) וויא פיל קינדער יעדער האט?, אונד דר גלייכן, דיא פאפירן מיט דיא שאלות האב איך איבער געגעבן צו דיא גרעסטע פון יעדער שטאט וואס זיי זענן גקומען קיין יפו מיר צו באזוכען אונד מיר מקבל פנים זיין, אונ צוא דיא ווייטע שטעט וואס האבן צו מיר נישט גקענט קומען האב איך דיא פאפירן מיט דיא שאלות אהין גשיקט אז זייא זאלן

מיר

מיר אויף יעדער זאך ענטפערן. וויא איך בין גקומן אין יפו
האב איך באלד צו מארגענס געוואלט פארן קיין ירו׳ים, נור
מיינע גדאנקען איז גשטערט געווארען, ווייל מיין טער אונ
ליבער דאקטאר האהקין איז קראנק געווארען, אונד'ן אים
האב איך נישט געוואלט פארן ביז איך האב געזעהן אז ז איז
נאהענט צו פסח אונ ער ווערט ניט בעסער בין איך געצווינגען
געוועזן אוועק צוא פארן כדי איך זאל קומען אין ירושלים אויף
פסח, ווען איך בין נאך געוועזן אין יפו האב איך געהערט פון
דיא גרויסע צרות וואס דיא יודען האבן דארט געליטען פון א
תולירע ר"ל. ווידער האב איך גרוים צער געהאט וואס איך האב
יעדער ווייל געזעהן זייער פיל היישעריקן פליהען פאר ביי
ביא מיין פענסטער, וואס דאס האט בעטאט ווידער אויף
איין גרוים הונגער. פיל מאל האב איך גאנץ פריא געהערט
וויא מען פויקט אין דיא גאסין אז דיא אנוואוינער פון דארט
זאלן אויף שטיין אונ יעדער זאל גיין האפן איין כאם פון דיא
היישעריקן, אז מען זאל זייא אויף דעם אופן פאר לערן פון
דעם לאנד, ווייל זייא זאגן דארט אז אויסער וואס דער
היישעריק מאכט אן אהונגער ברענגט ער אויך מיט פיל
שלעכטע קראנקהייטען, איבער דעם האבן זייא זיך זייער
שטארק גשראקען פאר דעם היישעריק. אונד וועגן מיין
טייערן דאקטאר האב איך געוואלט בלייבן ביי אים אין יפו
ביז ער וועט געזונד ווערן פון זיין קראנקהייט, אדער אים מיט
צו נעמן קיין ירושלים אדער גאר זיך אום צוא קערן מיט אים
נאך איירפא, נאר מיינע אלע גוטע פריינד, אונד אלע
דאקטוירים האבן געזאגט אז איך זאל אים גאר נישט רירען פון
ארט, ווייל דיא קראנקייט איז אויף אים שווערער געווארן,
אונד עס איז ניט קיין אנדער ראט דא פאר אים, נאר אים
איבער צו לאזען אין יפו ביי דעם הער תיאט, דר ענגלישער
קאנזול וואס איז אין יפו זייער איין פיינער גוטער מענש, וואס

ער

ער וואר ב… איהם אלס אין זיין הויף צייט ער איז גקומען אין
יפו אונטער דיא בעזוכונג פון דעם דאקטאר זאצי דר שפיטאל
דאקטאר, דארטן, אונד אזוי האב איך גכוזט טוען, איך
האב איהם איבער גלאזט ביא דעם ענגלישען קאנזול אונד
איך האב איהם איבער גלאזט מיין משרת, אונד איך האב
…ם גנומען נאך אמשרת אז זיא זאלן איהם באדינען אונ
אויף איהם גוט אכטונג געבן, אונ איך האב מיר מיט
איהם גזעגנט, מיט דעם האפענונג אז ער זאל באלד גזונד
ווערן זאל ער גלייך צו מיר קומען קיין ירושלים, אונ אויף דעם
האפענונג האב איך איהם איבער גלאזט דיא קאטשוואס דער
גערנאטאר פון ירושלים האט געשיקט נאך מיר אז איך
…ל אין דיא קאטש קומען קיין ירושלים, אבער מיין האפענונג
…אר צו גרויס שמערצן, קומער אונ טרויער: זיין געזונד וואר
נישט אם בעסטן נאך איידער ער האט ענגלאנד פאר לאזט.
אונ צוא ליב דעם איז ער מיט מיר גפארען ווייל ער האט
געהאפט אז די לופט פון אנדערע לענדער זאל פאר בעסערן
זיין געזונד. עס וואר אבער אלס אומזונסט נאר מיט דאס
איינע טרייסט איך מיר אויף זיין טויט מיט דעם וואס איך
האב אלע מיינע קרעפטן אן געווענדעט אונד אלע מיטלען
אונד עצות וואס נאר מעגליך איז פאר דעם מענטשן צו טאן
האב איך אלעם גטאן. אבער ווען גאט ב"ה היט נישט דאס
לעבן פון דעם מענש, איז גאר אומזונסט אלע מיטלען אונד
עצות פון דעם זינדיגען מענש, נאר אין דיין געטליכען מאכט
איז דיא נשמות פון אלע מענטשן; מיט זיין ווילן גיט ער דיא
נשמה אונ מיט זיין ווילן נעמט ער איר אפ צוא ריק. אזויא
האט ער אויך מיט זיין ווילן צו גנומען דיא נשמה פון דעם
טייערן גוטען מענש וואס ער וואר גשעצט פון גאט אונד פון
מענשן אונ צו אזוי א מענש האט דר טויט קיין שרעק אן גמאכט.
אונד מיט גוטעז ווילען האט ער זיין נשמה אפ גגעבן צום
הימעלישען

הימעלישען באשעפער אין דעם היילינען לאנד וואס ויא וואר טייער ביא אים אז יא זאל דארט מקבר זיין איהר לייז וואס איז גרייט פאר אלע רעכט פארטיגע מענשן :

דיא לעזער וועלן מיר פאר צייען וואס איך האב אזוי פיל מאריך גוועזן צוא שרייבען פון אים ווייל עס וואהר אגרוים ליבשאפט צווישען מיר מיט אים מיט מיין פרויא ע"ה אין די מעהרסטע צייט פון אונזער לעבן , אונ זיין גזעלשאפט וואר טייער ביא אונז אין וויא פיל רייזען ביז יעצט דיא לעצטע רייזע אין דעם היילינען לאנד , אונד איך וועל שוין זיין ליבשאפט ניט פאר געסן אזוי לאנג וויא איך וועל לעבן , דארום האב איך פון אים גשפראכען , דאס מיינע הייד זאל זיין אים צום אנדענקונג . דעם 25 מארץ האב איך פאר לאזט יפו צוא פאהרן נאך ירושלים . דיא גרעסטע לייט פון דיא שטאט מיט פיל מענטשן אויך פיל מיליטער האבן אונז בעלייט איינינע שטונדען לאנג ביז דעם דארף רמלה , וויא מיר זענן גקומען נאהענט פון דעם דארף איז אונז אנטקיגן גקומען דר עלסטער פון דארף מיט זיין מיליטער , זענען מיר דארט אריין צו רוהען אין דעם רוסישען גאסט הויז וואס דארטן איז , האבן מיר דארטן גפונען אלס וואס נויטיג איז פאר די רייזענדע צום רוהען .

דעם 26 מארץ האבן מיר אפ גערייזט פון רמלה אונד מיר זענען גקומען אין דיא שטאט אבו גוש , וואס דאס וואר אמאל דיא שטאט (קרית יערים) וואס דארטן האט געוואוינט עמינדב אין די צייט פון דוד המלך ע"ה . אונ אויך דעם בארג אין דער הייך איז גשטאנען דר ארון וואס דיא פלשתים האבן אפ גשיקט פון בית שמש . דר עלסטער פון דר שטאט איז יעצט מחמד עפענדי . זייער איין ערענטליבער מאן , אונ ער האט צו מיר געשיקט זיין ברודער מיר צו באזוכען , אונ האט מיר גבעטן איך זאל קומען צו אים נאכהויזע . אונד נאכהער איז ער זעלבסט צוא מיר גקומען בעטען אז איך זאל איהם דיא

ערדע

עתרע מאכען אונ איך זאל צו אידם נאכהויזע קומען, מיט מיין גאנצען ווילען דאב איך דאס אים צוא ליב געטוהן. זיין הויז שטייט אויף דעם שפיץ בארג, אונד דר וועג איז פול מיט שטרויכלונג. אונ דיא קאטש וועלכע איך בין אין איר גפאהרען, האט פיל מאהל ווייניג גפעלט אז זיא זאל צוא בראכען ווערען. אונד דר וועג וואר מיר צו גרויס לאסט, נאר דיא ליבשאפט וואס דר מאן האט מיר גצייגט האט מיר גמאכט פאר געסן דיא גאנצע מיהע פון דעם וועג:

אין דיא זעלבע נאכט זענען צוא מיר גקומען שלוחים פון ירושלים אונ חברון מיר צו בענשען מיין קומען, אין דר פריא זענען מיר פון דארטען אוועק צו גיין נאך ירושלים, אונ וויא מיר זענען גקומען אויף דיא בערג וואס איז דארט אויף דעם ארט האבן מיר פון ווייטענס גזעהן זייער פיל מענשען וואס גייען אונז אנטקעגען, אונד ביא דעם דארף קולוני האב איך מיט גרויס פריידע ווידער דר זעהען דעם ענגלישען קאנזול הער מארע וואס ער איז מיר ווידער אנטקעגען גקומען מיט ליבשאפט: אויף דעם וועג האט מען מיר דר ציילט פון דיא גרויסע צרות וואס מיינע ברידער האבן גליטען אין ירושלים איבער די חולירע ר"ל וואס דארטן איז גוועזן, אונ אלע מיינע אומגליקליכע ברידער האפען אז עס זאל פאר זייא ארויס שפראצען אגרויסע טובה פון מיין אהין קומען, אונד זייא האפען אז איך זאל יעדערן באזונדער העלפען מיט געלד, מיט דעם האב איך פאר שטאנען וויא גרויס עס איז נעבעך זייער ארמוטה, אונד וויא שווער עס וועט פאר מיר זיין איך זאל קענען אויס פירען מיין מיינונג, דאס מיין גאנצע רייזע איז נור גוועזן אז איך זאל קענען פאר בעסערן זייער לאגע אויף ווייטער אין כלל, אפ צו טאן פון זייא די אורזאכען פון זייער ארעמקייט אונד נויט אונ נישט יעדערן באזונדער צו העלפן, האב איך אויף גהויבן מיינע אויגן קיגן הימל, אונ הב גזאגט גיב גאט מיט

דיינעם

דיינעם ראט מיך צוא פירען אין דעם וועג וואס איך גייא אהין , אונ מיט דיינען געטליכען מאכט מיך אונטער צו לעהנען. אונ דא זענן מיר אנקייגען געקומען זייער פיל מענשען , אונ וואס אמינוט וואר מעהר אונ גרעסער דר פערזאמלונג אז אייניגע שטונדען ווייט פון ירושלים וואר דער גאנצער וועג באדעקט פול מיט מענשען, דר גובערנאטאר פון ירושלים דר גרויסער פירשט איציט פאשא האט מיר אנטקייגן געשיקט 40 רייטער אונ די שטאט סאלדאטן מיט זייער עלסטען פאר אוים אונ מיין גוטער פריינד אחמד אגא רזעסדאר וואס ער וואר פריער פאשא אין ירושלים . איז מיר אנטקייגען גקומען מיט זיין זעניקעל מיט פיל פון זיינע לייט , דר הויפט רב פון ירושלים הרב הגדול ר' חיים דוד חזן איז גריטען אויף איין אראבישען פערד מיט שענהייט , אונד זיין ב"ד אונ אלע רבנים דיינים ארום אים . דיא הויפט רבנים פון דיא אשכנזים הרב ר' שמואל סלאנט. הרב ר' מאיר אויערבאך (וואס וואר רב אין קאליש אין פוילין) אונד זייער בית דין ארום זייא , און גוזמא קען איך זאגען אז עס זענען מיר אנטקעגען געקומען כמעט אלע יודען דיא וואס וואוינען אין ירושלים ; דר וואס האט נאר גקאנט פאר לאזן דיא שטאט . איז מיר אנטקייגען גקומען , אלע גבאים פון אלע מדינות . אלע ראשי ישיבות , אלע משגיחים , אלע מהיגים , אונ אלע האבן גשריגען מיט אגרויס קול , ברוך הבא ! אז דיא ערד האט גציטערט פון זייער קול , אויף דיא זייטן פון דעם וועג זענען גשטאנען עטליכע הונדערט קינדער פון דיא חדרים אונד פון דיא שולען , אונ האבן גזונגען שירים פון ציון פון דיא צרות וואס זיא האט שוין געליטען , אונ פון דעם גוטען האפענונג אז אירע יאהרען וועט נאך בענייט ווערען וויא צו פאר , וויא גאט ב"ה האט אונז פאר זיכערט דורך זיינע היילגע נביאים , איבער הויפט האב איך זייער שטארק גקוקט אויף 40 קינדער פון דיא שול וואס די געשעצטע

פרויא

פרויא דיא מאראם גימאן ערלען פון לעמעלם שטיפטונג. פון
חיען האט גמאכט אונ האלט אויס אויף איהרע קאסטען דיא
גאנצע שול, זייער שיינעס גשטאלט זאגט עדות אויף זייער
גענונה, אונ דר צו זייערע ריינע קליידער, זייער זיסע שטימע
זייער חן האט מיר מיין הערץ גרירט אז טרערן האט געפליסען
פון מיינע אויגן. איך וועל דיא שיינע ליבליכע אויפזיכט צייט
מיין לעב נישט פערגעסן פר געבן. מיט דיא ווארהייט קען איך
זאגען, אז איך האב אין די עטליכע מינוט גזעהן אונד פאר
שטאנען אז מיר זאלן זיך נעמען מיט אלע קרעפטן אונ נאר
וואס מעגליך איז צו פר בעסערן דיא לאגע פון אונזערע ברידער,
ווענט אונזער ארבייט נישט זיין אומזונסט. מיר וועלן ניכט
זיען קיין הערנער אונ די מיהע וועט שיינע פרוכט געבן, צוא
שוינהייט אונד צו לויב, אונ אונזערע ברידער ווען דאס גוטעס
וואס מיר וועלן מיט זייא טאן וועלן זיי דר קענן מיט זייער
גאנצען הארצען. וויא מיר זענן גקומען אויף דעם ארט וואו
מאן דר זעהט דיא היילגע שטאט זענען מיר אראפ פון דיא
קאטשען מתפלל צו זיין דיא געוואהנליכע תפלה וואס יעדער
יהודי איז מתפלל ווען ער קומט קיין ירושלים. דר נאך זענן מיר
אריין גגאנגן אין די גצעלטן וואס דר עלסטער רב פון ירושלים
האט פאר אונז אן גגרייט אויף דעם ארט, דארטן האבן מיר
זיך אפ גערוט, אונ מיר האבן זיך הארטן דר קוויקט
מיט זיסע שפייזן אונ מיט גוטע גטראנקען. אונד מיר האגן
דארט גזונגען שירים אונ לויב צו השי״, נאך הער האב איך
מיר גהיילט אריין צו גיין אין דיא היילגע שטאט ירושלים וואס
איך בין גקומען נענטער צו די שטאט, איז אלין דר פר זאמלונג
פון די מענשן פר גרעסערט אונ גמערט, אונ דיא אלע האבן זיך
באהעפט צו די מחנה וואס עס וואר מיט מיר ביז מיר זענן גקומען
ביי דעם טויער פון יפו, דארטן זענן מיר גבליבן שטיין צו הערן
די תפלות וואס די חזנים פון די גרויסע שול האבן מתפלל גוועזן

השי״ת אז ער זאל מצליח זיין דעם ציל פון מיין קומען אונ ער זאל ממלא זיין מיין רצון אונד אללע האבן געגנטפערט אמן :

ווייא איך בין גקומען אין ירושלים וואר די ערשטער זאך מיינע צו גיין אין די שול וואס זיא הייסט כנסת איסטאמבולי , דארטן נאט ב״ה צו געבן אלויב וואס ער האט מיר בשלום דם זעקסטע מאל ווידער אהער גברענגט אין ירושלים די היילגע שטאט , די גרוסטקייט פון מיין גאנץ לעבן , נאכהער בין איך גגאנגען מיט פיל מענשן זעהן מיין קאלאני מיט דיא גערטנער וואס איך האב גקויפט אין ירושלים . וואס דאס איז ביי די הייך פון גיחון וואס דאס הייסט ,כרם משה ויהודית״ אײדער איך בין גקומען אין ירושלים , האב איך אללע צו וויסען גטאן אז איך בין גרייט אויס צו הערן יעדער מענשן וואס זיין פערלאנגן איז מייא פר זיך אליין סיי פאר דעם כלל . אונ אזוי האב איך דר צווא איינגע שטונדן באשטעטיגט אן צו נעמן די מענשן וואס וועלן קומן , אונ אזוי האב איך כמעט אגאנצע טאג יעדן אויס גהערט זיין פארלאנגן אונ דר פון בין איך גוואר גווארן פיל זאכען , ווס עס איז מיר נייטיג גוועזן צו וויסען מיין מיינונג . דר פאשא האט גשיקט אראטע פאלדאמן פון זיין מיליטער אונ דר ענגלישער קאנזול זיינע מענשן אונ דר ערשטער רב פון ירושלים האט גשיקט זיינע שמשים אז זיי זאלן היטן מיין הויז ביי טאג אונ ביי נאכט , דעם ערשטן טאג האב איך גטיילט ארעמע לייט די נדבות וואס מען האט מיר אויף דעם תנאי געגעבן אז איך זאל דאס צו טיילן ארעמע לייט אויך האב איך גשיקט שלוחים אונ בריב צו אללע מענטשן וואס איך האב גיוואוסט אז זיי קענן מיר אללץ צו וויסען טאן וואס מיר נייטיג איז צו וויסען צו מיין גדאנקען וואס איך מיין . אונ מיט דעם האט זיך געענדיגט דר ערשטער טאג פון מיין קומען אין ירושלים : אונ איך האב גדאווענט מעריב מיט פיל מענטשן וואס זיי זענן מיר גקומען צו באזוכען :

אום מיטוואך דעם 28 מארץ 10 אוהר פריא בין איך גגאנגען

באזוכען

באזוכען דעם פאשא (גובערנאטאר) פון ירושלים. אויך איז מיט מיר געגאנגען דער ענגלישער קאנזול מארע, דער דאקטאר לעווי, דער העיר כעבאג. דער פאשא האט אונז אן גנומען מיט גרויס עהרע אונ ליבליכקייט, איז גקומען צו רייד פר וואס פעלט וואסער אין ירושלים, האט מיר דער פאשא פרציילט וואס ער האט שוין אלס גטאן צו ליב דעם אונ וואס ער וויל נאך טאן. דאס צו פאר ריכטען אז עס זאל שוין מעהר קיין וואסער ניט פעלן אין ירושלים, אן בעלאנגען וועל איך שפעטער דער פון שרייבן ווייל דאס איז זייער נייטיג פאר די אלע וואס ווילען די טובה פון דיא וואס וואוינען אין ירושלים, אויך האט מיר דער פאשא גזאגט אז זיין דעה איז די דריי ברונימער וואס זיי הייסען "אגמי שלמה" זיי איבער צו מאכן נאר אויף צוויי אונ צו פר גרעסערן דעם פלוס אורטאס וואס לעבן איתם איז. דעם פלוס אריין צו ציהען אין די צוויי ברונימער, אונד מיט דעם וועט שוין קיין וואסער נישט פעלן אין ירושלים. אויב גלייך די עצה איז זייער גוט, עס איז אבער דס זייער שווער אויס צו פירען איבער פיל טעמים, איבער הויפט דארף דס זייער פיל געלט קאסטן. אונ ווייל איך ווייס די גרויסע טובה נאר אז אשיעור וואס דער פון וואלט געווען פר די איינוואוינער פון ירושלים ווייס איך זיכער אז עס וועט די חברה אונ די אלע וואס האבן געגעבן נדבות נישט פר דריסען אז איך האב פון דעם געלט וואס די חברה האט מיר געגעבן אז איך זאל מיט דעם געלד טאן וואס איך וועל פר שטיין אז דס איז נייטיג, האב איך פון דעם געלט געגעבן 200 פונט אין נאמען דער חברה, אונ 100 פונט מיין אייגענע געלט, צו זאמען 300 פונט האב איך דעם פאשא געגעבן אויף דער זאך. אויך האט מיר דער פאשא גזאגט אז עס איז זייער נייטיג צו מאכען אונטער די שטאט איין הויז פר די קרעציגע אונ מען דארף דער צו צום ווייניגסטען 1500 פונט שטערלינג אויב גלייך איך האב דער צו מסכים געווען, דאך האב איך דאס נישט געזעהען פאר נייטיג אז איך זאל אויף דעם געבן געלט פון די

חברה

חברה . האב איך אויף דעם גשיקט 100 פונט פון מיין אייגענע
געלט אנצופאנגען די זאך , אונ אנדערע זאלן אויך אזוי טאן .
אין אונזערע רעדן האב איך גהאט פארגעניגן צו הערן פון פאשא
ווי טייער בייא אים איז דר ענגלישער קונזול מארע , אונ אזוי האט
ער מיר גזאגט אויף אים . אויסער וואס ער איז ביי מיר גשעצט
אונ טייער אלעם ענגלישער קאנזול דר צו האלט איך אים אויך
פר איין גוטן פריינד אונ איין קלוגער פערנופטיגער מאן , אז
יעדער ווס דר קענט זיך מיט אים מוז אים שעצן אונד טייער
האלטן , נאך דעם ווי איך האב מיר גזעגנט מיט דעם פאשא ,
בין איך גגאנגען צום ערשטען רב פון ירושלים ווס ער איז גזעסן
ווען איך בין גקומען אין ירושלים . אין דעם הויז וואס הייסט
,משכנות שאננים, . נאר ווי איך בין גקומען נאהענט פון דעם
ארט , האט מען מיר גזאגט אז ער איז שוין דארטן נישט דא . ער
איז אין שטאט : אום דאנערשטאג דעם 29 מארץ האב איך
גהערט אז די ארעמע לייט האבן נאך גאר נישט אויף פסח ,
האב איך גשיקט 100 פונט שטערלינג צום רב פון דיא ספרדים ,
אונ 100 פונט שטערלינג פון מיין אייגנע געלט צוא דיא רבנים
פון דיא אשכנזים אז זייא זאלן דאס צו טיילן דיא ארעמע לייט
אויף יו״ט . דיא ערשטע צווייא טעג פון פסח בין איך גגאנגען
זעהן דיא הייזער וואס איך האב אויף גמויערט אין ירושלים פאר
ארעמע לייט פון דעם געלט וואס ר׳ יהודה טורא ז״ל פון
נויארלעאנס האט איבער גלאזט אונ מען האט דאס געלט מיר
געגעבן אז איך זאל מיט דעם מאכען וואס מיר גפעלט פאר די
ארעמע לייט , האב איך גהאט גרויס פערגניגען צוא זעהען ·
אז אלע וואס וואוינען אין דיא הייזער זענען ראוי צו דיא טובה .
[ד]יא הייזער זענען געבויט גווארען זייער אויף איין גוט ארט ארום
[י]רושלים . דאס ארט איז זייער ריין . אונ די לופט געזונד . אונד
[ד]יא איינוואוינער פרייען זיך מיט זייער חלק , אונ זייא בענוגען
[ז]יך מיט דעם וואס דר בורא גיט זיי אונ א גרויסען טייל פון טאג

פאר

פאר ברענגן זייא אין תורה ועבודה, און די איבעריגע צייט טוען זייא אמלאכה און ארבייטען. איך האב מיט פיל פון זייא גשפראכען. פינדעט זיך פון זיי וועלכע עס זענען מעכאניקעס און איך האב איינגזעהען אז זייא האבן גרויס פלייסיקייט צו דר ארבייט. אויב וואו' עס איז שווער האך ארבעטן זייא מיט דיא גרעכטע פלייסיקייט אום עטוואס צו פארדינען. און זיי זענן נישט פויל צו דר ארבייט. אין די שטוב נומער 21 זיצט אגאלד שמיד. אין נומער 12 איין שניידער. אין נומער 15 איין בעקער אין נומער 11 איין וועבער. אונד אין מענכע וואס ליגען אין די גרויסע שולען. אונד אין מענכע שטובען וואוינען דיא מלמדים פון דיא שולען. פון זייער פלייסיגקייט צו דר ארבייט האב איך גרויס נחת גהאט. אויך האב איך גהאט גרויס פארגעניגען צו זעהן אז זיי זענן אלע געזונט און שטארק. אויב וואויל זייא האבן נישט צו עסן קיין פליישׂ אגאנצע וואך. נאר אום שבת ויום טוב דאך זעהען זיי גאנץ גוט אויס. די הייזער איז גערומט אין ירושלים, אז פיל פון דיא רייכע לייט וואס דארפן זיין וואו רי נער פרישער לופט איז. אום צוא פאר בעסערן זייער גזונד. בעטן זייא ערלויבעניס צו וואוינען אין דיא הייזער. אין דיא שטוב וואס איז גמאכט נאר צום באקען, האב איך אויך גטראפען וואוינען גאנצע פאמיליעס וואס מען האט מיר נישט גפרעגט אויף דעם, און איך האב פילדר פון צו רעדען אבער נישט יעצט. נאר פון דעם אלעטען זעהן מיר גאנץ געוויס וויא נייטיג און גוט וואלט גוועזן אז מען זאל נאך פיל זעלכע הייזער מויען אין ירושלים אהום שטאט עס זאל זיין פאר ארעמע צום וואוינען. אום זונטאג דעם 1 אפריל איז צו מיר גקומען דער פאשא (גובערנאטאר) פון די שטאט מיט זיינע אלע אדיוטאנטן און ראטס הערן. האבן מיר ווידער גשפראכען פון דיא שטאט ירושלים. האט מיר דער פאשא גזאגט אז אין די לעצטע חולירע זענען גשטארבן אין ירושלים 15 פון 100 פון דיא ארעמע לייט.

און

און די אורזאכע וואר איבער דיא שמוציגע אומריינע ענגע דירות · און דיא געביינע פאר דארבענע עסן ווארג ווענן גרויס ארעמקייט. דאס דאס וייא דאס מערסטע גשאדט. אויך האט מיר דר פאשא גגעבן ערלויבעניש צו מאכן אין דאך ביי דעם כותל מערבי. דאס איבער בלייבונג פון אונזער הייליגען בית המקדש. אז דר דאך זאל שיצען פון די זון און פון רעגן אויף די וואס קומען אהין מתפלל צו זיין :

אום מאנטאג דר 2 אפריל וואר דר בעשטימטער טאג ווס איך האב באשטעלט אז די אלע רבנים. ממונים. פרנסים. מנהיגים. גבאים פון אלע מדינות זאלן קומן צו מיר און מיט זיי צו ריידן און זיי צו פרעגן עצות וויא אזוי צוא פאר בעסרן דיא לאגע פון אונזערע ברידער דיא איינוואוינער פון ירושלים. מיט גרויס פריידע האבן אלע גמוטען מיין פארלאנג און צו דר באשטימטע צייט זענן אלע גקומען. און ניאמנד האט גפעלט. עס וואר פאר זאמעלט ארום מיר מיט דעם דאקטאר לעווי און דעם הערן סעבאג. עטליכע הונדערט מענשן פון די גרעסטע און די טייערסטע מענער פון דיא יודישע געביינדע פון ירושלים. דרונטער וואר דר ערשטער רב פון ירושלים מיט זיין ב"ד. הרב ר' מאיר פאניל. והרב ב"ב ש"תי מיט די גבאים און ממונים פון די ספרדים און די פורנ גע"ב. דיא רבנים פון די אשכנזים הרב ר' שמואל סאלאנט. הרב ר' מאיר אויערבאך (דר קאלישער רב). די גבאים פון כולל ווארשא. ר' דוד ב"ר שמעון דר גבאי כולל פון די מערבים. הרבנים ר' יעקב תאומים ור' יעקב בערלין די גבאים פון כולל ווילנא. ר' מאיר מאניקסט פון כולל זאמעט הרב ר' אליעזר בהרלב"ג פון כולל רייסן. ר' אליעזר צבי קב ונקי פון כולל הוראדנא. ר' מאיר לוצינער פון כולל מינסק. ר' ישראל ור' ניסן דרוקער. ר' אברהם מרדכי נעמצאווסקי פון כולל חסידי וואלין. ר' מרדכי אהרן ליבערמאן ור' זאב כהן פון כולל חסידי עסטרייך. הרב ר' יעקב יהודה

הלוי פון כולל וואַרשאַ . ר׳ יצחק צבי הלוי פון כולל סובאַלק . ר׳ זעליג הויזדארף . ר׳ נתן קורניל ור׳ משה זאקס פון כולל האָללאַנד . הרב ר׳ נתן יוסף ור׳ משה נאוואמיאסטא פון כולל אונגאַרן . הרב ר׳ שניאור זלמן עפשטיין פון כולל חב״ד אונ אַלע משגיחים אונ ראשי ישיבות מיט זייערע שרייבערס אונ דיא אַלע ממונים . נאָך דעם וויא איך האָב זייא געגעבן מיין הערצליכען דאַנק . אונ איך האָב זייא געזאָגט אַז עס פרייט מיך זייער זיי צו זעהן אונ אַז איך בין שוין צופריעדען זייא דאָס זעקסטע מאָל פון מיין לעבן . אויך האָב איך זייא געזאָגט אַז איך בין יעצט געקומען אין ירושלים ניט צו ליב דעם אַז איך זאָל דאָ א אָרמע העלפען נאָר לפי שטה אַליין , ניין , נאָר מיין עיקר קומען וואַר נאָך אַז איך זאָל רעדען אונ זיך מיישב זיין מיט דיא ראשי העדה צו זוכען מיטלען אונ עצות וואָס איך קען דאָס אויס פירען דורך אונזערע ברידער כל ישראל וואָס זענען אין אַלע לענדער , אין ענגלאַנד . רוסלאַנד . פראַנקרייך . עסטרייך . דייטשלאַנד . איטאַליען . אַמעריקא . אונ אין אַלע מדינות וואו יודען זענען דאָ . אונ מיינע רייד ווירד בייא זייא געהערט . וויא אַזוי צו פאַר בעסערן דיא לאַגע פון דיא איינוואוינער פון דעם היילינען לאַנד אָפּ צו טאָן פון זייא זייער גרויסע אַרמוטה אונ נויט . מיט עצות אונ מיטלען אונ תקנות וואָס עס זאָל זייא גוט זיין אויף לאַנגע צייטן . דר נאָך האָב איך זייא געזאָגט אַז מיין ליבשאַפט צו דעם היילינען לאַנד איז זייער גרויס . אונ צו מיינע ברידער דיא צדיקים דיא פרומע וואָס רוען אויף איר ערד . אַזוי האָב איך פון זייא געבעטן אַז זייא זאָלן מיר יעדער באַזונדער זאָגן זייער מיינונג אונ זייער עצה מיט גאַנצקייט אונ וואַרהייט וואָס נאָר מעגליך איז צו טאָן וועגן דעם :

דר ערשטער רב פון ירושלים הרב ר׳ חיים הוד חזן . האָט צום ערשטן געזאָגט זיין דעה אונ זיין עצה איז . אַז עס איז זייער נייטיג צו מירען מעהר הייזער וואוינונגען פאַר אָרמע לייט .

אונ צו קויפן פאר זיי קארעניעס. פעלדער אונ גערטנער. זיי זאלן זיך מיט ערד ארבייט באשעפטיגען. מיט דעם וועט זייער לאגע פאר בעסערט ווערן אויף אימער. אויך זיין בית דין הט אויך דאס זעלבע גזאגט וויא דר רב. אונ דר רב בנונשתי האט גזאגט אז די סבה וואס די ספרדים זענן אזוי ארעם. איז איבער די גרויסע חובות וואס זיי זענן שולדיג אונ מוזען צינזען געבן אונ די הובות זעלבסט קענן זיי נישט בעצאלען. הרב ר׳ שמואל סאלאנט דר גרעסטער פון דיא אשכנזים האב איך אים געפרעגט זיין דעה. האט ער מיר גזאגט ער קען ניט מער זאגן וואס אן באלאנגן אין תורה ועבודה. אבער צום קערפרליכע גברויך קען ער זיך נישט אריין מישען. דאך איז ער מסכים צו דיא רייד פון דעם ערשטן רב. אז מען זאל מירען הייזער פאר ארמע ליט אז זייא זאלן האבן דירות בחנם. הרב ר׳ מאיר אויערבאך האט גזאגט אז ער האט גאר ניט צו שאפן איבער דיא כוללים. אונ ווען ער וואר אין פוילן וואר ער רב אין קאליש אונ יעצט וויל ער נישט מעהר נאר זיצען רוהיג אין ירושלים על התורה ועל העבודה. דאך איז מיין דעה אויך אז עס איז זייער נייטיג אז מען זאל בויען נאך הייזער פאר ארמע לייטס וועגן. הרב ר׳ דוד ב״ר שמעון האט אויך גזאגט אז עס איז נייטיג צו מירע, הייזער פאר ארמע אונ פאבריקן צו מאכן אז דיא ארמע זאלן האבן וואס צו ארבייטן אונ בייא וואס צו פארדינען. דאס איז זייער נייטיג צו פאר בעסערן דיא לאגע פון אונזרע ברידער דיא איינוואוינער פון היילגען לאנד. דיא ממונים פון כולל ווילנא וזאמעט האבן אויך דאס איינגע גזאגט. דיא ממונים פון כולל הוראדנא האבן אויך דר צו מסכים גוועזן. אויך האבן זיי גבעטן אז מען זאל אונטער שטיצען די דאזיגע וועלכע זיי קענן זיך ניט ערנערן אונ ווילן זיך אומקערן צו ריק קיין חוץ לארץ אין זייער לאנד פון וואנען זיי זענן. איבער הויפט דיא אלמנות מיט דיא יתומים זאלן האבן אויף הוצאות אז זייא

זָאלְן קֶענֶן פָארְן צוּ רִיק אִין זַייעֶר לַאנְד צוּא זַייעֶרֶע פַאמִילֶעס .
דִיא ממונים פוּן כולל רַייסִין הָאבְּן גְזָאגְט אַז עֶס וָואלְט גוּט
גְוועֶן אַז מֶען זָאל מַאכֶען אחברה .מוירֶערְס, וָואס זַייא זָאלְן
מוירֶען הַייזֶער נִישְׁט פַאר אָרְמֶע אַלַיין נָאר אוֹיךְ פַר מִיטֶעלֶע
מֶענְטְשֶׁן . אַז זַייא זָאלְן הָאבְּן אָרֶענְטְלִיכֶע דִירוֹת צוּם וואוֹנֶען .
דִיא ממונים פוּן כולל מִינְסְק הָאבְּן אוֹיךְ אוֹיף דֶעם אַלֶעכְן
מסכים גְוועֶן . אוֹיךְ הָאבְּן זַייא מִיר גְבֶּעטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶן
מַאכֶען אַז דִיא אשכנזים זָאלְן מֶעגְן אַלַיין שֶׁעכְטְן בהמות . ווייל
אִין ירושלים עֶסְן נִיט דִיא טֶערְקֶן קֵיין פְלֵייש נָאר פוּן דִי שחיטה
פוּן דִי ספרדים . אוּנ נִישְׁט פוּן דִיא אשכנזים . וַוייל דִי טֶערְקִין
זָאגְן אַז נָאר דִיא ספרדים זֶענְן דִי רֶעכְטֶע יוּדְן . אָבֶּער נִישְׁט
דִיא אשכנזים . דַאדוּרְךְ קֶענֶן נִישְׁט דִיא אשכנזים בַּאזוּנְדֶער
שֶׁעכְטְן קֵיין בהמות . טָאמֶער וֶועט טריפה וֶוערְן . וֶועלְן זֵיי נִישְׁט
הָאבְּן וֶועמֶן צוּ פַאר קוֹיפְן . דַאדוּרְךְ מוּזֶען אַלֶע אשכנזים קוֹמֶען
קוֹיפְן פְלֵייש בַּייא דִיא ספרדים . אוּנ דִיא ספרדים מַאכְן דֶעם
מֶקח פוּן פְלֵייש ווִי זַייא גְפֶעלְט . וֶוען דִיא אשכנזים זָאלְן קֶענֶן
בַּאזוּנְדֶער פַאר זִיךְ אַלַיין שֶׁעכְטְן בהמות וָואלְט דָאס גְוועֶן זַייעֶר
אַגְרוֹיסֶע טוֹבָה , דִיא ממונים פוּן כולל וַוארְשָׁא הָאבְּן מִיךְ גְבֶּעטְן
אַז אִיךְ זָאל צוּ רֵיידְן דִיא חברה אִין לָאנְדָאן אַז זֵיי זָאלְן מוירֶען
פִיל הַייזֶער אַז עֶס זָאל זַיין גוּטֶע דִירוֹת הֵן פאר אָרְמֶע הֵן פַאר
מִיטֶעלֶע . אוּנ דִי מִיטֶלֶע וֶועלְן בַּאצָאלֶען מִיט גוּטֶען ווילֶן זַייעֶר
דִירָה גֶעלְט נָאךְ פָאר אוֹיס , דִיא ממונים פוּן כולל חב״ד הָאבְּן
אוֹיךְ אַזוֹי גְזָאגְט . אוּנ אוֹיךְ הָאבְּן זַייא גְזָאגְט אַז מֶען זָאל מַאכְן
פַאבְּרִיק פַר דִי אַרְבֵּייטְס מֶענְשֶׁן וָואס קֶענֶן אַרְבֵּייטֶן . זֵיי זָאלְן
הָאבְּן וָואס צוּ אַרְבֵּייטְן אוּנ וָואס צוּ מָאן . אוֹיךְ הָאבְּן זַייא מִיר
גְבֶּעטְן צוּ מַאכְן אַיין אַפְּטֵייק . אַז מֶען זָאל קְרִיגֶן אַלֶע רְפוּאוֹת
פַאר דִיא קְרַאנְקֶע . ווייל אִין דִיא לֶעצְטֶע חַדָשִׁים הָאט מֶען
נִישְׁט גְקְרִיגְן קֵיין דָאקְטָאר אוּנ קֵיינֶע רְפוּאוֹת . דִיא ממונים פוּן
כולל וָואלִין אוּנ עֶסְטְרֵייךְ הָאבְּן אוֹיךְ אוֹיף דֶעם אַלֶעכֶען מסכים

גוועֶן

גוועזן . אונ אויך האבן זייא גזאגט אז עס איז זייער נייטיג צוא
מאכן אהברה „מלוי כסף" אז די בעלי מלאכות אונ דיא וואס
קענן זיך ערנערן מיט אקליינעם קאפיטאל . זאלן קריגן גבארגט
געלד אז זייא זאלן זיך קענן ערנערן מיט זייער מיה אונ האנט
ארבייט . די ממונים פון כולל האלאנד האבן אויך נ סכים געוועזן
צו בויען הייזער פאר ארמע אונ פאר מיטעלע . אונ האבן גזאגט
אז יעדער באזונדער פון די איינוואוינער פון ירושלים וואס קען
נאר עטוואס מאן . וואלט ער גערן זיך ערנערט מיט זיין אייגנע
מיה . אונ נישט צו עסן גשענקטע ברויט ווען זיי זאלן נאר האבן
ביי וואס צו פאר דינגען . אונ אויך די איבריגע כוללים האבן
אלע מסכים געוועזן אז עס איז זייער נייטיג צו מוירן הייזער פאר
ארמע . פיל מענשן אויך הרב ר' מאיר אויערבאך האבן מיר
גבעטן אז איך זאל בעטן ערלויבניש פון פאשא אז מען זאל
מאכן אראך ביי דעם כותל מערבי אז מען זאל קענן דארט
מתפלל זיין אונ עס זאל נישט שטערן דיא זון אונ ניט קיין רעגן .
האב איך מיך גפרייט אז איך האב שוין דאס נאך פריער
באזארגט נאך איידער זייא האבן מיר גזאגט דר פון . דר נאך
האבן מיר גרעט פון דיא מבינים אז פיל פארלאנגן אז מען זאל
מאכן ממונים פון יעדער כולל באזונדער אונ קיינער זאל נישט
גצוואונגן צו זיין אונטער אממונה וואס ער איז נישט פון זיין
כולל . אונד וועגן דר חלוקה . אזוי וויא מען טיילט איין דם געלד
וואס מען שיקט זייא אהין ; האבן זייא מיר גגעבן אויף גשריבן
דעם גאנצן ארדענונג וויא אזוי דיא חלוקה איז :

אום דינסטאג דעם 3 אפריל זענן צוא מיר גקומען שלוחים
פון צפת אין נאמען פון זעכציג פאמיליעס (300 נפשות) דיא
איינוואוינער פון צפת . אונד האבן מיר גבעטן אז איך זאל זיי
קענען אונטער רעדן צו קויפן פיר זייא קאלאניעס זייא זאלן
זיך קענן באשעפטיגן מיט ערד־ארבייט . דיא שלוחים האבן
מיר גברענגט צוויי בריף . איין בריף איז געוועזן דיא ביטע וואס

דיא

דיא 60 פאמילעס בעטן אונ פארלאנגען . אונ דר אנדרער בריף איז גוועזן וואס דיא שטאט לייט גיגעבן דאס איבער די שלוחים ר' יצחק פרידמאן אונ ר' אבא חאראז . אונ אלע פארלאזען זיך אויף זייא אין דר זאך . אונ דיא ביידע בריף איז גוועזן אונטער גשריבן מיט דעם זיגעל פון הער מיקלאשעוויץ . דר עסטרייכישער קאנזול וואס זיצט אין צפת . אונ אזוי האט דר קאנזול גשריבען . איך קאן בעשייניגען דאס דיא זעכציג פאמילעס פאן די יזראליטען וואס וואוינען אין צפת . ווילען מיט זייער גאנצן לעבן אננעמן דיא ערד צו בעארבייטן . אונ ווילען זיך ערנערן מיט זייער ארבייט , אויך שרייבט דר קאנזול אז ער הט שוין לאנג גשיקט אבריף צו דעם עסטרייכישען יענעראל קאנזול וואס זיצט אין בארות (ביירוט) דיא מיטלען וויא אזוי מען זאל מאכן אחברה „ישוב ארץ ישראל" צוא קויפן פעלדער אונ צו געבן אן דיא יודן וואס ווילן דיא ערד בעארבייטן אין דעם היילינען לאנד . אויך שרייבט דר קאנזול אונד בעשייניגט דאס דיא צוויי שלוחים וואס האבן מיר גברענגט דיא בקשה איז איינער אבא חאראז פון פראנקרייך איין ארענטליכער סוחר . אונ דר צווייטער יצחק פרידמאן איז איין אפטייקער אין צפת . אויך שרייבט דר קאנזול אז ער האט זעלבסט גזעהן וויא דיא זעכציג פאמיליעס האבן גגעבן דעם בריף צו דיא צוויי אז זייא זאלן גיין צום הער משה מאנטיפיורי וואס איז יעצט אין ירושלים אונ זאלן מיט אים שפרעכן וואס אן בעלאנגן דיא יודן צו פאר בעסערן . אים נאמען פון אלע יודן די וואס וואוינען אין צפת :

יעצט מוז איך אייך אויף מערקזאם מאכען אויף דיא רייד פון הער מיקלאשעוויץ דר יעצטיגער עסטרייכישער קאנזול אין צפת בעצייגט מיט זיין אונטער שריפט אז דיא אלע זעכציג פאמיליעס יודן וואס וואוינען אין צפת ווילן מיט זייער גאנץ לעבן זיך ערנערן מיט ערד ארבייט . זייא זאלן דאס נאר האבן נישט וויא דר ה' מאקליאוד דר צייטונג שרייבער אין ענגלאנד

האט אויף זייא גשריבען אין נאמען פון דעם עסטרייכישען קאנזול מיראסלעווסקי אז דיא יודן פון צפת זענן אלע פוילע מענשן. ליידיג גייערס. אונ איך האב דיא זאך נאך גפרעגט. אז עס איז קיין מאל גאר נישט גוועען אקאנזול אין צפת וואס זאל הייסען מיראסלעווסקי. אונ דיא גאנצע זאך איז ליגען אונ פאלש. אונ מען קאן נישט אפ לייקענן דיא רייד וואס דר הער מיקאלאשעוויץ זאגט עדות אויף זיי וואס ער איז באמת דר קאנזול פון עסטרייך: אויך אונזרע ברידר פון טבריא ובאקעא האבן ־יר גבעטן אז איך זאל זייא געבן פעדער צו ארבייטן. די איינוואוינער פון באקא האבן פיל צרות גליטן פון די מלחמה וואס עס איז גוועען צווישען דעם בונטאווניק יוזעף כארים דר עלסטער פון דיא מאראניטען. אונ צווישען דוד פאשא פון סולטאן, זייערע בהמות אונ זייער פארמעגן האבן דיא בעלי מלחמה פון זייא אוועק גנומען. איך האב זייא גהאלפן מיט מיין געלד אונ איך האב זייא פארזיכערט נאך צו העלפן מיט וואס נור מעגליך וועט זיין. אונ פון זייא צוא בענאכריכטען צווישען אלע מיינע גוטע פריינד: אום מיטוואך דען 4 אפריל האב איך גמיינט אז איך וועל טאן אגרויסע טובה צו די ארעמע לייט. אונ איבער הויפט צו דיא אלמנות אונ יתומים. מיט דעם וואס איך וועל זיי העלפן מיט מיין געלד אז זייא זאלן קענן צוא ריק נאך זייער געבורט לאנד אין חוץ לארץ. אזוי האב איך גזאגט צו דיא מענטשן וואס האבן מיר גבעטן אויף דעם. אז זייא זאלן מיר פאר שטעלן פון דיא וועלכע וואס ווילען צו ריק נאך חוץ לארץ נאר זייא האבן נישט אויף הוצאות הדרך. וועל איך זיי געבן אויף הוצאות. האט מען מיר גברענגט איין יונג ווייבעל אין ערך פון 22 יאהר איהר מאן איז נישט לאנג גשטארבן אין דיא האלירע. אונ זיא איז גבליבען גאנץ ארעם אונ עלינד מיט דרייא קליינע קינדער. וואס דר עלסטער איז אלט זעקס יאהר. אונ דאס יונגסטע קינד איז אלט פיר מאנאטי

האב

האב איך איר גהייסן אז זיא זאל מיר דר ציילן איר לעבענס
געשיכטע האט זיא אזוי דר ציילט . קינד ווייס נאך איז זיא
גבליבען איתומה פון פאטער אונ מוטער . דאס איינער אויף
איר רחמנות גהאט אונ האט איר גנומען צו זיך פאר זיין איינגן
קינד . (דר מאן איז יעצט איין קורא בחנם אין אשול אין ירושלים)
אונ האט איהר אויף גהאדעוועט . אויך האט דר מאן בייא זיך
גהאט איין יתום וואס ער האט אים אויף גהאדעוועט . וויא עס
איז גקומען די צייט אז מען זאל מיט דיא יתומים מאן אשידוך .
האט דר מאן גטראכט פאר גאנץ גלייך די ביידע יתומים חתונה
צו מאכען , אונ אזוי האט ער אויך גטאן . נאך דעם האבן זייא
זיך כפרנס גוועזן מיט כבוד . ביז אין דיא חולירע איז ביי איר
דער מאן גשטארבן . אונ האט איר גלאזט מיט דרייא קליינע
קינדער . דער גוטער מענש וואס האט איר אויף גהאדעוועט
אונ חתונה גמאכט האט פון איר זיין רחמנות אונ געגאדע ווייטר
נישט אפ גטאן . אונ האט איר ווידער צו זיך אריין גנומען אונ
האט איר אפ גגעבן ז.בא ונדער חדר פאר איר מיט אירע
קינדערליך צו וואוינען . אין דעם חדר וואר איך זעלבסט . האב
איך גהאט פארגעניגען צו זעהן וויא ריין עס איז גוועזן אין דעם
חדר . אונ דאס רחמנות פון דיא קליינע קינדערליך די יתומים
דאט מיר מיין הארץ גנומען . האב איך גהארטן פאר גאנץ רעכט
דיא אלמנה צו העלפן מיט געלד אז זיא זאל קענען מיט אירע
דריי קינדער צו איר פאמיליע אין דייטשלאנד . ווייל איך האב
גהערט אז איר פאמיליעס זענען רייך . אבער וויא איך דאב איר
דאס גזאגט . וויא פאר וואונדערט בין איך גבליבן . עס יין אז
זיא האט נישט גוואלט . אונ וויא ערשט זי.ן וואר איך צוא
הערן פון איר רייד . מיט וואס פאר אגרויסע ליבשאפט זיא איז
אן גבונדען אן דעם הייליגען לאנד ! אונ דיזע ווערטער האט
זיא מיר גזאגט . דר אויבערשטער גאט דער באשעפער
פון הימעל ! האט מיט מיר גרויס חסד גטאן אז איך האב

זוכה

זוכה גיוועזן קינד ווייס אהער צו קומען איך זאל שעפפען דעם לופט פון היילגען לאנד. דאס לאנד פון אונזערע היילגע אבות אברהם יצחק ויעקב. וואס פון דעם היילגן לאנד האט גישיינט דיא ליכט פון אונזער היילגע אונד ריינע תורה. מיט זיין גרויסן חסד וואס גאר אן אשיעור האט ער מיר מזכה גיוועזן אז איך זאל זוכה זיין צו טרעטען אויף דיא היילגע ערד וואס דא זענין גיוועזן אונזערע היילגע נביאים. וואס זייא האבין אין אונז איין גיפלאנצט דיא רייד פון דעם לעבעדיגן באשעפער. דער קוואל פון ווארהייט אונד גירעכטיקייט אויף אייביגקייט. זאל איך יעצט פאר לאזען אזוי א היילגע ערד! אזוי א היילגע לאנד?! אונד איך זאל אוועק פיהרן מיינע קינדערליך פון דיא היילגע שטאדט ציון. דאס גלוסטיקייט אונד האפפענונג פון אונזער גאנצין לעבן. וואס מיר גלויבן באמונה שלימה אונד האפפען אלע טאג אז דער אמת אונד גערעכטיקייט אונד שלום זאל צו איהר ווידער קערן אונד אמת צדק ושלום זאל אין איר געוועלטיגען אויף אייביג! זאל איך דאס פארלאזין? ניין מיין הערר! ניין! איך וויל ליבער דא שטארבען אין נויט אונ אין הונגער מיט מיינע קינדערליך וואס גאט ב"ה האט מיר דא גיגעבן אין דעם היילגען לאנד. איך זאל קושען דיא היילגע ערד פון ירושלים אונזער היילגע שטאדט. אידער איך זאל לעבען אין פארגעניגען אין חוץ לארץ!.

דער פון מאן קען זיין גיניג פאר שטיין דיא גרויסע ליבשאפט אונ דיא צו בינדונג וואס אונזערע ברידער דיא איינוואוינער פון דארט האבן צו דעם היילגען לאנד. אונד וויא גרויס דיא מצוה א"י פון אונז אז מען זאל זייא העלפען מיט וואס נאר מעגליך איז. אונד אזוי האבן מיר פיל מענשין גיבעטין אז איך זאל זייא ארוים העלפען מיט הוצאות אז זייא זאלן קענען צו ריק נאך חוץ לארץ. אבער וויא איך האב בייא זייא חוקר ודורש געוועזן בין איך דער גאנגען

 אז

אז זיא מיינען נאר צו גיין נאך חוץ לארץ אויף איין קורצע צייט. אונד נאכהער צוריק צו קומען אהער. אזוי האב איך גוט גיהאלטען פאר נייטיג זיא צו העלפען אויף דעם. אונד גיך האב זיא נאר געהאלפען אויף דער צייט אונד נישט מעהר:

אום דאנערשטאג דעם 5 אפריל האב איך דורך געזעהן פיל כתבים פון פעדער אונד פלעצער אונד הייזער וואס מען האט מיר אן געשטאגען דאס צו קויפען. דיא פעדער צו בעארבייטען. דיא פלעצער צו מויערן הייזער אויף זיא. האב איך גיבעטען דעם דאקטאר לעווי. אונד דעם העררן כעבאג אז זיא זאלען גיין דאס אלעס באטראכטען אונד ארום זעהן דיא גרייס אונד דאס ווערט פון יעדער ארט. אונ איך האב דאס אלעס פאר שריבען ביא מיר אין בוך. איך זאל דאס וויסען ווען איך וועל דארפען. יעצט איז גיקומען אויף מיר אגרויסער טרויער. פון דער צייט וואס איך בין אוועק פון יפו. אונד האב דארטען איבער געלאזט מיין טייערן פריינד דאקטאר האדקן קראנקערהייט האב איך אלע מאל דער האלטען דורך דען טעלעגראף וויא עס באשטייט מיט איהם. אונד וויא איך האב דער הערט אז זיין קראנקהייט ווערט וואס אמאל ערגער. האב איך גיבעטען דעם העררן מארע דעם ענגלישען קאנזול וואס זיצט אין ירושלים. אז ער זאל אהין פאהרן מיט דעם דאקטאר טשאפלין. אונד זיא האבען געמאכט מיין ווילען אונד זיא זיינען אהין געפאהרן. אונד זיינען ביא איהם געזעסען ביז דיא לעצטע מינוט פון זיין טויט. אונ דיא שלעכטע בשורה איז מיר אן געקומען דאנערשטאג ביא נאכט דעם 5 אפריל. דיא בייזע בשורה האט אויף מיר געווארפען אשטארקען טרויער אז איך האב מיר נישט געקאנט קיין ראט אונ קיין טרייסט געפינען צו מיין טרויעריג געמיט:

ערב שבת דען 6 אפריל האב איך געדאווענט מנחה אין

דיא

דיא שול פון דיא ספרדים וואס שטייט ביא דיא ארעמע היזער. האב איך דארטן געהערט זאכע זאכן וואס עס האט מיר גינוצט. אום שבת האט מען צו מיר געבריינגט קינדער צו פאר הערען זייער לערנען. האב איך גיפרעגט דעם פאטער פון דיא קינדער: פאר וואס לאזט איר דיא קינדער ניכט לערנען אמלאכה אדער האנדלען? האט מיר דער פאטער גיענטפערט: צום ערשטן איידער מיר דארפן אונזערע קינדער לערנען אמלאכה זייא אליין זיך קענען ערנערין אונד פארדינען דעם גיברויך פון זייער גוף. דאכט זיך אז עס איז מעהר היוב פריער זיא צו לערנען תורה. אונד איין צו וואקצלען אין זייערע הערצער דיא ליבשאפט אונד דיא מורא פון גאט ב"ה. אז דיא רייד פון גאט ב"ה זאל זיין אליבט אין אלע זייערע וועגן ווען זייא ווערין ווערין מענשין. דער זעלביגער מאן האט מיר געבריינגט איינגע פון זיינע קינדער דיא גרעסערע וואס זייא לערנען אמלאכה. ביא דיא ארעמע היזער פון יהודא מורא שטייען צווייא שולען. איין שול פאר דיא ספרדים. אונ איין שול פאר דיא אשכנזים. בין איך דעם זעלביגען טאג געגאנגען באזוכען דיא שול פון די אשכנזים. אויף דעם וועג האב איך גיטראפן איינגע פרויא מיט איין גרויס ספר אין האנט. האב איך געפרעגט וואס איז דאס פאר אספר? האט זיא מיר גיענטפערט דאס איז אתהלים מיט פערשידענע פירושים פון פארצייטישע גדולים געדרוקט אויף עברי דייטש. האב איך איר גיבעטן אז זיא זאל מיר ליענען אמזמור מיט דיא פירושים, האט זיא גלייך אזוי געטאן. האב איך פערגעניגען גיהאט צו הערען. אין דיא צייט וואס איך וואר אין ירושלים האב איך מיר זייער פאר וואונדערט צו זעהן דיא פלייסיגקייט פון דיא ווייבער אין אלער האנד ארבייט נייען העפטן. אונד אלעס וואס צו גוטע פרויען קומט צו טאהן צו דיא ווירטשאפט. אויסער דעם

קענען

קענען זייא אויך לשון קודש. אמאל איז צו מיר גיקומען איין אלמנה אמוטער פון דרייא קינדער בעטין איך זאל איר מיט וואס געלט העלפין. וויא פאר וואונדערט וואר איך צו הערין וויא זיא האט גערעט צו מיר אונ צום דאקטאר לעווי ריין לשון קודש. אונ דער נאך בין איך דער גאנגען אז זיא איז פון דיא פורטוגעזים דיא אלמנה פון ר' עזריאל כהן פון דייטשלאנד וואס ער איז גישטארבן אין דיא חאלירע, אונד האט איר איבער געלאזט זייער ארעם. דער ווייל בין איך געוואר געווארין אז דיא ספרדים זיינען זיך שוין מתחתן מיט דיא אשכנזים נישט וויא פאר הער וואס זייא האבן זיך איינס דאס אנדערע געהאסט. האב איך דער פון אויך פרייד גיהאט:

אום מוצאי שבת נאך מעריב זיינען גיקומען צו מיר פיהל מענשין פון דעם טויער פון יפו. מיט שטאלקאצען פייער אין דיא הענט אונד מיט כלי זמר אונד האבין געמאכט פאר מיר איללומינאציאן. מיין הארץ וואר אבער דאמאלס אין גרויסען טרויער, איז מיר נישט אנגענעהם גיוועזן אונ נישט איין געגאנגען קיין פריידע. האב איך דאס נישט גיוואלט אננעמין. האט מיר אבער ר' זעליג הויזדארף וואס ער וואר דער עלצטער פון זייא פאר זיכערט אז זייא ווילען נאר מיר עהרע אונד פריילך מאכען מיט דעם. אויב גלייך עס איז מיר קיין שמחה נישט איין געגאנגען דאך וואר מיר זייער אנגענעהם צו הערין דיא מזמורים אונד דיא שירים וואס זייא האבן געזונגען אויף מיר. פון זייא בין איך געוואר געווארין נייטיגע זאכען וואס מיר נייטיג איז גיוועזן צו וויסען:

אום זונטאג דעם 8 אפריל אין דער פריא האב איך גיוואלט דורך זעהן פיל כתבים וואס מיר נייטיג וואר. איך האב אבער נישט גיקענט. ווייל עס זיינען צו מיר גיקומען פיל געסט אזוי איז ביא מיר געבליבן אז איך זאל אוועק גיין פון דער היים אונד זאל גיין אויף דעם הר הזיתים. בין איך אהין

געגאנגען

גענאנגען מיט דעם דאקטאר לעווי . וויא מיר זיינען פאר ביא
גיגאנגען קעגן דעם טויער פון דמשק . ווען מיר פאר ביא דיא
היל פון ירמיה הנביא . פאר ביא דיא קברים פון כלכי בית
דוד. אונד פון דארטין זיינען מיר אריבער דעם נחל קדרון ביז
מיר זיינען געקומן אויף דעם שפיץ בארג. האבן מיר פון דארט
גיזעהן דעם ים המלח . אונ דיא שיינע הויכע בערג פון מואב
האבען מיר דארט אביסעל גירוהט . דער נאך זיינען מיר צוא
גיגאנגען נעבין אגרויסן בוים . האבן מיר פון דארט געזעהן
דיא בית תפלה פון דיא ישמעאלים וואס עס שטייט אויף דעם
וועלבען ארט וואו דער בית המקדש איז גישטאנען. דארט
ווענין מיר געבליבן אפאר שטונדען לאנג . אונד מיר האבן
דארט דורך גיזעהן דיא כתבים וועלכע אונז גייטיג איז . נאך
דעם ווענין מיר אראפ אין טאהל פון יהושפט . האבן מיד
באגעגינט דעם שך חכין דער עלסטער פון דארף סילוואן . האט
ער אונז אויך פאר ציילט פון דיא גרויסע צרות וואס אונזערע
ברידער האבן געליטן אין דער צייט ווען דיא חולירע וואר
דארט . אונד ער האט אונז געוויזן דעם בית הקבוזת . אונ
ווידער אנאנדער שיך האט מיר פאר ציילט וויא דיא יודען
האבען איינע דיא אנדערע גיהאלפען מיט אלע קרעפטין אין
דער צייט פון דיא חולירע . דער שיך מיט נאך איינעם וואס
זייא האבן פעלדער נעבן בית הקברות נעמען זייא נאך עד
היום מתנות פון דיא יודען וואס קומען אויף דעם בית הקברות
פריער פלעגין זייא צו טאן שענדליכע זאכען מיט דיא מתים
אז מען האט זייא נישט געוואלט געבן וויא פיל זייא האבן
געוואלט . אבער יעצט גאט צו דאנק דורך דיא טערקישע
רעגירונג וואס ז א קען נישט זעהן קיין אומרעכט . ווערט שוין
מעהר זאלכע שענדליכע זאכי נישט געטאן. בין איך דארט
ארום געגאנגען אונד געשפראכן מיט דיא עלסטע פון דיא
ערביים . ביז פאר נאכט. קענען אבער בין איך נאך הויזע

גענאנגען

גענאנגען. דעם זעלבען אבענד זיינען צו ריק געקומען די שלוחים וואס איך האב זיא געשיקט קיין צפת. באלד ווי איך בין נאר געקומען קיין ירושלים. אונ די שלוחים האבען מיר א בריף געבריינגט פון די רבנים פון צפת. פון הרב ר׳ שמואל העליר ור׳ שמואל אבו. וואס זיא שרייבען מיר אז מיט דיזע גאנצען הארץ זענען זיא גרייט צו ערפילען מיין פערלאנגען צו קומען צו מיר קיין ירושלים ווי צום געשווינדיסטען מיין פערלאנגען צו זעהן די רבנים צו הערען פון זיא די זאך וואס עס איז געשטאנען אין איין ענגלישע צייטונג Good Words וואס דער ארויס געבער הייסט אקליאוד אבומר. אין די צייטונג האט ער אזוי געשריבען: א רעד עבראישער קאנזול פון צפת האט געשריבען אז די רבנים פון צפת האבען איין כפרדיתע פרויא דן געוועזן לכיתה אטאג פריער איידער דער כומר מאקליאוד איז געקומען קיין צפת. אויב גלייך איך האב מיר די זאך ערקונדיגט פון באגלייבטע מענשען אז דאס איז אין גאנצען ליגען. דאך האב איך נישט געקענט רוהען ביז איך זאל דאס הערען פון די רבנים. אזוי האב איך געהאפט אז די רבנים זאלען קומען אז איך זאל פון זייער מויל זעלבסט הערען וואס די מעשה איז געווען:

אום מאנטאג דעם 9 אפריל האב איך בעזוכט די ענגלישע קאנזולען. אונ דעם ערשטען רב. אויך האב איך בעזוכט דאקטאר גאבאט דער בישאף פון די פראטעסטאנטים. דער מאן איז זייער געלערנט. אונ זיין הארץ איז גוט צו יודען אונ צו די וואס זיצען אין היילגע לאנד. אונ זוכט זייא וויל צו טאן. דאדורך איז ער זייער געשעצט ביי אלע וואס קענען אים.

די נייע שול וואס הייסט בית יעקב וואס איז געווארען אויף געבויערט אין דעם וויסטען הויף פון ר׳ יהודה החסיד. איז זייער שיין געבויעט. ווען איך בין געוועזן אויף דעם הר הזיתים האב איך געזעהן די שול. ווייל זיא איז העכער ווי אלע מויערן

וואס

וואס אין דיא נאם איז. געשעצט אונד געלויבט זיינן דיא גבאים אונ דיא ממונים אונ דיא מגיהים וואס זייא האבן דאס געקענט אויס פירן. מיט גרויס כיה דאבן זיא לאנגע צייטען געלט געזאמעלט. אונד האבן פיל הינדערנים געהאט. דאך האבן זייא זיך געשטארקט אונ געשטריטען קעגען דיא צייט אונ האבן דאס אויס געפיהרט צו ריס אונ צו שנהיט. עס פרייט מיך זייער דאס איך וואר דער ערשטער וואס איך האב געקרגן דיא ערלויבעניס פון כולמאן אבדול מגיד אויף דיא שול צו מויערן, אונ מען האט מיר גיגעבן פיל נדבות אויף דעם. אונד יעצט האב איך גיברענגט איין צירונג צו אספר תורה וואס עס האט מנדר גיוועז ר׳ אהרן זילבערמאן פון בירמינגהאם. אונד מיט מיינע אייגענע הענד האב איך אן געטאן דיא צירונג אויף אספר תורה. אין דיא דאזיגע שול. געלובט איז השי״ת אויף דעם דאזיגען דבר:

אויך דיא שול פון כולל וואלין וועט זיין זייער אשיין בנין אז עס וועט ווערין גיענדיגט. צו דיא שול מאכט מען אשטוב וואו דער פארזאמלונג פון קהל זאל זיין. אונד איין באזונדער ארט אויף ספרים: דיא אפטייק וואס איך האב געבאכט פאר 25 יאהר. איז גיוועז אגרויסע טובה פאר אונזערע ברידער אין ירושלים. איבער הויפט אין דיא צייט פון דיא האלירע. אונ הונדערטער מענשן האבן דער פון גענומן רפואות. אונ דער אפטייק פירט זיך זייער גוט. עס האט מיך גיפרייט צו זעהן וויא איין יונגער מאן גיבוירן אין ירושלים האט זיך גילערינט אפטעקערייא. אונ ער איז דארטן מיט גרויס פלייסיגקייט:

דעם שפיטאל וואס מען האט אנגיהויבן צו בויען דורך דיא חברה „ביקור חולים״ איז נאך נישט געענדיגט גיווארן. דיא חברה איז ווערט צו לויבן. זייא העלפן דיא ארעמע קראנקע מיט אלע הילפע. פיל מענשין האבן מיר גיזאגט אז עס וואלט גיוועז אטובה גאר אן שאץ פאר אונזערי ברידער אין ירושלים

אז מען זאל מאכען נאך א שפיטאל (הקדש) געגען איבער דיא הייזער פון ר' יהודה טורא. דאס ארט איז זייער א גוט גילעגענהייט דער צו:

אונד אין דעם זעלביגען טאג האב איך גילייגט דעם ערשטין שטיין אין דעם פונדאמעט אויף איין שפיטאל צו מויערן אויף דעם זעלבען ארט. פון דעם געלט וואס איז איבער געבליבען ביי דיא חברה אין ענגלאנד צו פאר נוצען פאר אונזערע ברידער אין ירושלים. ווען עס איז גיקומען דיא צייט צו לייגען דעם ערשטין שטיין אין פונדאמענט. האבען זיך איין גיזאמילט טויזנטער מענשין אויף דעם ארט. דער דאקטאר לעווי איז פריער אהין אלץ אן צו גרייטין וואס מען האט גידארפט דער צו. דער נאך בין איך אהין גיקומען מיט דעם הערר סעבאג מיט זיין פרויא. אונ נאך פון אונזערע גוטי פריינד, וויא איך בין אהין גיקומען האבין אלע גישריען מיט איין מאל, ברוך הבא בשם ה'! אז דיא ערד האט גיציטערט פאר זייער קול. דער נאך האט דער דאקטאר לעווי מתפלל גיוועז דעם מזמור כ"ד אין תהלים. מיט איין גרויסי שטימע אונ דער גאנצער עולם האט נאך גיזאגט יעדער פסוק. דער נאך האט ער גילייענט דעם פאפיר וואס עס איז גיוועזן אן גיגרייט ארין צו לייגין אין פונדאמענט צום אנדענקונג, אויף דיא שפעטירע דורות. דער נאך האב איך מיר אויף דעם אונטער גישריבען אונד דער ה' סעבאג מיט זיין פרויא. אונ נאך איינגי פון מיינע גוטי פריינד אונ איך האב דעם פאפיר ארין גילייגט אין שפאלט פון שטיין. אונ דער נאך האב איך גילייגט דעם שטיין. אונ דער עולם האט נאך גיזאגט דיא פסוקים. דער נאך האט דער דאקטאר לעווי מתפלל גיוועזן איין תפלה וואס ער האט גימאכט אויף דעם אז גאט ב"ה זאל מיט זיין רחמנות שיצען אויף דעם הויז אויף אייביג. אונ אויף די נדיבים וואס וועלין העלפין אויס צו פירען דעם בנין צוא הילפע דיא ארעמע. אויך האט ער

מתפלל

מתפלל געוועזן אויף די פרידע פוקכולבאי, אויף דיא פרידע דיא ענגלישע קעניגען , מיט דעם ענגלישען קרוין פרינץ מיט זיין פרויא , אונד אויף דעם פאשא פון ירושלים אונד אלע קאנזולען פון אלע קיניגרייכן ; עס האט מיך געפרייט זייער צו הערן וויא פיל פון דעם פאר זאמלונג אז זייא האבן געהערט דעם נאמען פון דיא ענגלישע מלכה. האבן זייא אלע געזאגט אז דיא ענגלישע קיניגרייך איז ווערט אז מיר זאלן פאר איר מתפלל זיין ; ווייל זיא איז אונז געוועזן צו הילפע אין דמשק , אונד אין מאראקא . דער נאך האט דער דאקטאר לעווי געזאגט מזמור ק״נ , אונד ביא דעם לעצטן פסוק „כל הנשמה תהלל יה״ האבן דיא תלמידים פון עזל דעם פסוק איבער געזונגען מיט כלי זמר מיט זיסקייט : צום אנדענקונג דיזען האב איך געשיקט 100 פונד שטערלינג פאר דיא ספרדים , אונד 100 פונד שטערלינג צו טיילען דיא אשכנזים : דעם זעלבן אבענד זיינען צו מיר גקומן פיל מענשן מיט געשריבענע פאפירן מיט גרויסע אותיות פיל פסוקים פון תנ״ך , אונד פיל נעמן פון דיא געענדיגע מענשן , דרונטער האב איך אויך געזעהן דעם נאמן „לאדי מונטיפיורי״ דאס איז דער נאמן פון מיין טייערע פרויא זכרונה לברכה , דיא איבעריגע שטונדן פון דעם אבענד האב איך מיר צייט גנומין דיא אלע פאפירען דורך צו זעהן , איך זאל וויסן קענן די נדבות וואס איך האב געהאט אין זינען צו צוטיילען אויף צדקה :

אין דר פריא האב איך געטיילט געלט צו דיא אלמנות אונד יתומים וואס זייערע מאנן אונד עלטערן זיינען געשטארבן אין דיא לעצטע הירע , נאך דעם וויא איך האב מיר פריער ערקונדיגט וועער נייטיגער איז צו אגרעסרע נדבה , האב איך דאס אלין ביא מיר פר צייכענט , עס איז אלע וואויל בקאנט דיא צדקה אונד דעם חסד וואס אונזרע ברידער טוען איינער מיט דעם אנדערן אין דיא היילינגע שטאט , וואס איז גאר אן אשיעור , אונד דאס איך איבער צו ציינן , וועל איך אייך

דא

דא אפאר ביא שפילן ברענגן ; וואס איך בין איבר צייגט אוף רעם : צוויא יתומים יונגע קינדער זיינן צו מיר געקומן , זייער שיינע קינדר מיט גרויסן חן ביא וועמן זיינט איר , אונד ווער איז אייך משגיח ? האב איך זיא געפרעגט . מיר זענן ביא ר' יעקב אהרן קאלבער , אונד ער איז אונזער משגיח , האבן זיא מיר געענטפערט , ווער איז דס דער ר' אהרן קאלבער ? האב איך זיא געפרעגט , וויל איך האב געמיינט אז דר ר' אהרן קאלבער איז גביר אין רייכער מאן אז ער קען ביא זיך צוויא יתומים האלטן ; אבער וויא פר וואונדרט וואר איך צו הערין אז דר מאן איז זייער ארעם , אונד זיין מלאכה איז נאר וואס ער קאלכט דיא ווענט פאר פסח , און אגאנץ יאהר פאר דינט ער גאנץ ווייניג ; בין איך זייער נייגעריג געוועזן צו זעהן דעם גוטן פרומען מאן ; האב איך נאך אים געשיקט . אז ער גלייך צו מיר געקומן , זיין געשטאלט האט נישט אויס געזעהן פאר ארעם , נאר פאר פערט , זיין אויס זעהן דאס אויס געזעהן איער איז צו פריהן מיט זיין בישעל , גלייך וויא דר בורא וואלט איהם געבענטשט מיט רייכטהום אונד מיט פארמעגען . האב איך אים געפרעגט , דאס איז וואר אז דוא האלסט אויס דיא צוויא יתומים , און דוא ביסט זייער משגיח ? יא מיין הערר ; דאס איז אמת . האט ער מיר געענטפערט , האסט עטוואס אייגענע קינדער אויך ? איך האב זיבען קינדער וואס גאט ב"ה האט מיר מיט זיין תהר געגעבן . אונד ווארום האסטו דיר נאך גענומן צוויא פרעמדע קינדער אויס צו האלטן , ווען דוא האבסט דיינע אייגענע קינדער . עס זאל דיר זיין צו לאסט . האב איך אים געפרעגט , האט מיר דר מאן אזוי געענטפערט , דיא עלטרן פון דיא קינדער וואָרן מיינע שכנים , וויא זיא זיינען געשטארבען זיינען דיא קינדר געבליבן גאנץ עלענד , האב איך גערעכנט אז איך בין זייער איין נאהענטסטער שכן געוועזן , איז אויף מיר בחוטל דיא הייליגע מצוה אז איך זאל זיא אריין נעמן צו מיר אין מיין

שטוב

שטוב אריין אונד איך זאל זיא האלטען וויא מיינע אייגענע
קינדער, גלויבט איז העט״ פאר זיין חבר וואס ער האט מיר
גהאלפן ביז אהער, אז איך האב דאס גיקענט טאן, אונ גלויבט
איז דר בורא אז זיא זענן ב״ה גזונד אונד שטארק אונד צו
פרידען, וואס מיינע קינדר עסן, עסן זיא אויך מיט, אונד
אז מיינע קינדר זיין הונגער, מוזען זיא אויך הונגער לידען
ארגע פר דראס, אזו האט מיר דר גוטער מאן געענטפערט:
אויך איז צו מיר געקומען איין ארמע אלמנה, וואס זיא האט
צו זיך גענומען צוויא קינדר יתומים צו האדעווען, וואס זיא האט
אליין ניקט צו עסן. אויך איין ארעם מאן וואס ער ארבייט
שווער אונד ביטער אויף זיין פרנסה בדוחק, האט מען צו מיר
געברייננט, וואס ער האט אויך צו זיך גענומען ארעמע יתומים
אוים צו האלטען:
נוא מיינע טייערע לעזער ווער זאל גישט מודה זיין אויף דעם
אז אזאלכע טייערע אייגענשאפטן אונ גוטסקייט פול מיט חסד
אונד רחמנות וויא אונזערע ארמע ברידער אין ירושלים האבן
צו ליב דעם אליין זענן מיר מחויב זייא צו שטיצען אונ צו
העלפן מיט אלע אונזערע קרעפטן, מיט וואס מיר קענן:
נאכדעם וויא דיא מענשן זענן אוועק געגאנגן, האט מיר מיין
משרת אן גזאגט אז די תלמידים פון דיא שול וואס די טאראס
זיבאן ערלען פאן מעטעל פון וויען האט גמאכט, גיין צו מיר,
זענן זיי אריין געקומען פערציג תלמידים מיט זייער רבי. עס האט
מיך זייער גפרייט זייא אנצוזעהן זייער דיין, אונד זייער געשטאלט
זייער שיין, אזוי וויא דיא תלמידים פון דיא בעסטע שול פון
אייראפא, האבן זייא פר מיר געזונגן אייניגע שירים, דר
נאך האבן זייא מיר געוויזן פון אלץ וואס זייא לערנען, האב איך
יעדען בשענקט מיט עטוואס געלט, אונ איך האב זייא אן
גזאגט אז זיי זאלן שטארק היטען דיא מצות פון אונזר הייליגע
תורה אזוי וויא מיר האבן איר מקבל געווען פון בארג סיני, אונ

דיא

זייא זאלן דאנקבאר זיין דיא טייערע מארם וואס זיא טוט מיט זייא חסד, אונ זיי זאלן זיך שטארקן צו געפינען חן אין איהרע אויגן דורך זייער פלייסיגקייט אין לערנען, אונ דורך זייער ארדענטליכען אונד גוטן אויפפיהרונג:

אום מיטוואך אין דר פריא דעם 11 אפריל, זיינען צו מיר געקומן פיל אלמנות אונד יתומים פון אונזערע ברידער, האב איך זייא יעדרן געהאלפן מיט געלט, וויא וייט איך האב געקענט דעם מארגנדיגן טאג האב איך אפ געלייגט אז איך זאל דער גיין דיא זאך וואס מאקליאוד האט געשריבן אין זיין ציטונג Good Words אין לאנדאן וועגן דיא יודען פון צפת וואס איך האב אובן געבראכט, אז דיא רבנים האבן דארטן דן געוועזן איין אשה צום טוט, דיא רבנים מיט דיא מנהיגים פון צפת זענן צו מיר געקומן, דיא זאך ריכטיג צו פאר ציילן. צום ערשטן איידער זייא האבן אן געהויבן צו דר ציילן, האב איך זייא פריער פאר געלייענט וואס עס איז געשטאנען אין דיא צייטונג אויף דיא יודען פון גאנץ ארץ ישראל, אונ בזונדר אויף דיא יודען פון צפת, אונד איבר הויפט אויף דעם וואס איז געשטאנען מיט דעם לשון: אשרעקליכע זאך האט געטראפן ביי דיא יודען אין צפת, זייא האבן איין ספרדישע פרוא געריכטעט מיט טוט שטראף. אונד דס וואר א טאג פר מיין אהין קומן (אזו שרייבט דר רעדאקטאר) אונד דעם טוט האט מיר געמשפט פאר אזינד וואס איינער פון דיא רבנים וואס האט איר געהייסן מיט דעם טוט ריכטן האט אליין מיט איר אויך געזינדיגט. איך האב דיא זאך נאך געפרעגט ביי דעם עסטרייכישן קאנזול, האט ער מיר געזאגט אז דיא זאך גאנץ ריכטיג. אז אזוי האט אים איינער פון דיא אויף געקלערטע געזאגט. וואס ער האט מורא געהאט דר ווידר צו זיי אקעגען דיא שענדליכע זאך. אזוי האט געשריבן דיא צייטונג. יעצט זענן צו מיר געקומן דיא רבנים פון דיא אשכנזים אונד ספרדים. הרב ר' שמואל העליר, והרב ר' שמואל אבו. אונד

האבן

האבן מיר דיא זאך גאנץ ריכטיג דר ציילט : איין אשה פון דמשק וואס דר מאן האט איר געגעבן גט , איז געקומן וואונן אין צפת . נאכדעם וויא זיא וואר דארטן זעקס מאהנאט האט איר איינער אגוויסר מסעוד טבול אגאלד שמיד גענומן פר אוייב , האבן דיא געוואונט קעגן איבר דיא שול פון ר׳ יוסף הלבן . אונ וייל אוף דעם ארט פלעגן אלע פאר ביא גיין . האבן וויא געהאט אגלעגנהייט צו זעהן אז דיא אשה פירט זיך נישט ארענטליך אוף . האט מען אוף איר שטארק גרעט . אונ מען האט אויך גגלובט אוף דיא מעשה רע וואס זיא האט געטאן אין דמשק . וואס דאדורך האט איר דר ערשטר מאן געגעבן גט . אונ וייל דיא אשה האט געזעהן אז מען רעט פאן איר אין דעם ארט . האט זיא מורא געהאט אז אירע שלעכטע מעשים זאל נישט אנטפלעקט ווערן פאר אלע איז זיא ארויס פון דיא דירה , אונ האט זיך געדונגן אדירה אוף איין אנדער ארט , ביא איינעם בכור נחמיה , אונ עס וואר אום שבת פריא אין דר צייט פון דאווענען . וואס אלע זענן אין שול הט געזעהן דס וייב פון דעם בכור נחמיה . וואס זיא איז נישט געוועזן אין שול . וויא איין טערק איז ארײן געגאנגען צו די אשה אין שטוב , אונ האט זיך דארטן פאר זאמט אהיפשע צייט . דאס איז דאך ביא אונז יודן אזינר געגן מוסר וצניעות . אונד דיא פרויא פון נחמיה האט גרעכנט אן אצווייפל . אז די אשה איז געווים טמא געווארן מיט דעם טערק . אונ האט אוודאי מזנה גוועזן . איז זיא געשווינד געלאפן אין שול אונ האט דאס דארטען דיא זאך אוס געשריגען , זענן פיל מענשען פון שול אהין געלאפן צוא איר מיט כעס אונ האבן איר גשלאגן מיט שטעקנס , אונד על פי דין תורה , טאר דאך דער מאן נישט וואונען מיט איין אשה וואס זיא האט מזנה געוועזן . האט איר דר מאן מסעוד אוך געגעבן גט . אונד זיא איז צוריק אוועק נאך דמשק , אזו איז דיא זאך געוועזן באמת . נישט מען האט

דיא

דיא אשה געבריינגט צום בית דין, נישט בית דין האבען איר גמשפט צו מיתה. אונ דיא רבנים האבען גאר קיין שום עסק נישט געהאט אין דיא גאנצע זאך. אוסער דעם ווייסען דאך אלע וואל. אז צייט ביא יודען איז בטל געווארען דיא סנהדרין איז דער שטראף פון מיתה אוך בטל געווארען. אונ עס האט נישט געטראפען אז רבנים זאלען וועלכען יודען זיין למיתה. נישט אין ארץ ישראל. נישט אין דער גאנצער וועלט:

אזוי האבען מיר דיא רבנים פאר אייזלט. אונד דיא רבנים קאן איך שוין פון דרייסיג יאהר וואס זייא זענען דיא ערשטע רבנים אין צפת ביז היינטיגען טאג. אונד אזוי אוך האבען. גזאגט דיא צווייא ר׳ אבו חאראזי אונ ר׳ יצחק פרידמאן. וואס דער עסטרייכישער קונזול האט אוף געשריבען דאס זייא זענען ערענמליבע פיינע בראווע לייטע. אוך הרב ר׳ מרדכי הלוי וואס איך קאן אים פון לאנג האט אוך דם נעמליבע געזאגט. יעצט ווייס איך אז דיא גאנצע מעשה וואס עס איז געשטאנען אין דיא צייטונג איז אין גאנצען ליגען אונד פאלש. איך ווייס אז עס וועט איך פרייען. אזוי וויא עס פרייט מיך אז איך בין דער גאנגען אז די שלעכטע רייד איז אין גאנצען פאלש איך דאך אז דער ה׳ מאקליאוד וועט גוים חרמה האבען. וואס ער האט אין זיין צייטונג אריין געשטעלט אזוי אפאלשקייט. אונ דער צוא נאך צו שענדען אגאנצע שטאט. גאר אום זונסט:

אום פריטאג ערב שבת קודש דעם 13 אפריל. האב איך גוואלט געבען נדבות אוף אלע שולען אונ דיא ישיבות אונ נאך אוף אנדערע ערטער. האב איך געהייסען אז דיא גבאים אונ משגיחים זאלען צו מיר קומען נאך דיא פאריגע נאכט וואר איך זייער שוואך פון גרוס צער אוף דעם טוט פון מיין געליבטען דאקטער הארדקן. דארורך האב איך נישט געקענט דיא גבאים מיט דיא משגיחים אן נעמען. האב איך זייא צו מארגען יעדערען געשיקט זיין נדבה אהיים. האב איך אוף צווייא אונד פערציג ערטער

גישיקט דיא נדבות, וויא דער חסר פון אלמעכטיגען גאט וואר אויף מיר; נאך מיטאג ווארע איך פידע מענשין ביא מיר. אונ איך האב מיר גידאכט אז איך בין שון ערפאהרן מיין פערלאנג צו ליב וואס איך בין יעצט גיפארען נאך ירושלים. אזוי בין איך אריין אין אבעזונדער צימער, אונ איך האב מיר אן גערייט מקבל שבת צו זיין; שבת ביא טאג נאך דעם דאווענן בין איך אביסעל ארום געגאנגען אין מיין גארטן וואס נעבן מיין דירה, האט עס מיך זייער גיפרייט צו זעהן, אז ער איז אין פיל בעסערן שטאנד, לויט וויא ער וואר אין מיין פאריגען אפ רייזען. אבער דיא פעלדער אונ דיא גערטנער וואס איך האב אין יפו איז נישט אזוי, וויל די יודען וואס זייא האבן דאס גיהאט אין זייערע הענד האבין נישט גיקענט בעשטיין קעגין דיא וו לדע אראביאנער די מעידערט זייערע שלעכטע שכנים, האבען זייא דאס פאר לאזט אין גאנצען, דאס איז איבער געבליבען אין גאנצען וויסט אונד לער ביז צום גרונד, דיא הייזער צו בראכען, די ביימער איז אויס געריסען פון ווארצעל, איך האב געשריבען צום רב פון כולל מערבים אין ירושלים וועגען דעם, אז אויף דעם וויסטען ארט, וואלטען פיר אדער פינף פאמיליעס גיקענט האבן פרנסה בכבוד, פון דיא ערד ארבייט. נאר מען זאל דעם ארט ארום צאמען מיט איין מויער ארום:

באלד נאך מעריב האב איך געהייסען מאכען גרייט צו דער רייזע. אגאנצע נאכט האב איך גירעט מיט פיל מענשין וואס זייא האבען מיר גיבריינגט אויף גישריבען פערשידענע זאכען, אונד פאר טאג זיינען מיר אוועק גיפאהרען פון ירושלים נאך יפו. אויב גלייך איך האב פאר לאזט דיא הייליגע שטאדט. אבער מיין הארץ שטורעמט אין מיר צו איר הייליגע גידענקים. אונד מיט מיין גייסט אונד זיילע בעט איך צום ליבען גאט וואס ער האט ליב דיא טויערן פון ציון, אז ער זאל איר ווידער גוטעס טאהן אונד צום עוויגען תכלית ברייגגען ושמתיך

כחותם על לבי כחותם על זרועי ! אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני ! איך וועל דיר מאכן וויא איין זיגעל אויף מיינען הערצען. וויא איין זיגעל אויף מיינעם ארעם ! אויב איך וועל פאר געסין או דיר ירושלים זאל אן מיר פאר געסען ווערען דיא קרעפטען פון מיין רעכטע האנד !

נאך אטאג רייזן זיינן מיר גיקומן אין דארף רמלה, האבען מיר יעצט אויך גינעכטיגט אין דעם רוסישען גאסט הויז. אויף דעם גאנצען וועג זיינען מיר נאך געגאנגען אקערס לייטע פון באקעא. או איך זאל זייא העלפען זייא זאלן קענין דיא ערד בעארבייטן, אונד זייא האבען גיהאפט או אין איין מינוט וועל איך ערפילען זייער וואונש איך האב זייא אבער מער נישט גיקענט העלפען נאר איך האב זייא פאר זיכערט, או גלייך וויא איך ווער צו הויזע קומען. וועל איך דאס איבעראלל בעקאנט מאכען. או מע זאל אויף זייא רחמנות האבן :

צו מארגענס מיטאג צייט האבן מיר אפ געררייזט פון רמלה נאך יפו, אונד וויא מיר זענין גיקומען פאר דיא שטאדט. איז אונז אנטקעגין גיקומען דער גובערנאטאר פון דיא שטאדט, דער קאדי. דער יענעראל מיט אלע זייערע מענשין, אונ איך האב נישט גיוואלט אריין אין שטאדט , ביז וואנען איך וועל פריער זעהן דעם קבר פון מיין געליבטען דאקטאר האדקין, דער ווייל איז גיוועזן ארום זיין קבר ארום גיצאמט מיט ברעטער. אבער אין אקארצע צייט וועט שוין שטיין אויף זיין קבר איין מויער מיט אגרויסען שטיינערנע מצבה , צום אנדענקונג. וואס איך האב גיהייסען מאכען גלייך וויא איך בין גיקומען נאך ענגלאנד. דיא זעלבע נאכט בין איך ארויף אויף אשיף וואס זיא האט גיהייסען ראזעטא , אונד אום מיטוואך דעם 18 אפריל זיינען מיר גיקומען קיין אלקסאנדריאה אין מצרים , פאר נאכט זיינען מיר ארויף אויף דיא שיף טאניורא. אינד מיט דיא הילפע גאטטעס זיינען מיר געקומען בשלום דעם 25 אפריל נאך מארשיליא:

נו מיין טייערער הערר . האב איך דיר יעצט אויס גישריבן דעם גאנצען אינהאלט פון מיין גאנצע רייזע נאך דעם היילינגען לאנד , אונד איין ריכטיגען רעכנונג פון אלעם וואס איך האב דארטן גיטאהן ; דיא גאנצע צייט וואס איך וואר דארטן . איך ווייס אויך אז איך האב גישריבען זאלכע זאכען וואס גיהערען ניט צו די ערציילונג . נאר איך האף אז פון דיא זאכען וועלן אויך פיל מענשין וואס האבען ליב דיא טייערן פון ציון . אונ דיא וואס פארשטייען דיא טובות פון אונזערע ברידר דיא וואס זיצען אויף דעם היילינגען לאנד , וועלן דער פון צו פרידען זיין , אונד וועלין זיך דער וועקען מיט רחמנות צוא העלפען אונזערע אומגליקליכע ארעמע ברידער , אום צוא פאר בעסערען דיא לאגע פון אונזער פאלק . דיא גוטע אונד פרומע מענשען וואס רוען אויף דיא היילינגע ערד דיא היילינגסטע לאנד . צווישן אלע לענדער אין דער וועלט :

יעצט האב איך דיר גיעט מעהר צו זאגן , דיא הויפט מיטלען מיט וואס פאר איין אופן עס איז נייטיג אונ מעגליך צוא פאר בעסערן דיא לאגע פון דיא יודען דיא איינוואוינער פון דם היילינגע לאנד וואס דאס וואר דער גאנצער תכלית פון מיין יעצטיגען פאהרען נאך ארץ ישראל : צום ערשטען מוז איך דיר אויף מערקזאהם מאכען , אז ביא אונז אין ענגלאנד . איז וויא פיל מאל גיבליבן ביא דיא חכמים אונ דיא פארשטענדיגע מענשען . אונ ביא אלע וואס זייא זארגען לטובת הכלל , וואס ארעמע מענשין זיינען ביא זייא טייער . אונד זוכען אלע מיטלען צו פאר בעסערין דיא לאגע פון דיא ארעמע מענשין . איז ביא זייא געבליבן אונ אלע האבין אויף דעם מסכים גיוועזן אז עס איז נייטיג צוא בויען הייזער אז עס זאל זיין גוט צום וואוינען . אז דיא ארעמע זאלן האבן וואו צו וואוינען אום זונסט אונ האבן דאס גיוויזען מיט פיל ראיות , אונ דאס איז זייער ריכטיג . יעצט קענען מיר פאר שטיין אז דאס איז זייער נייטיג

פַֿאר דִיא אָרֶעמֶע פֿוּן עֶנְגְלַאנְד, יֶעצְט ווִיא אִיז דָאס שׁוֹין
נָאךְ מֶעהְר נֵייטִיגֶער פַֿאר אוּנְזֶערֶע אָרֶעמֶע בְּרִידֶער וָואס זֵייא
זֵיינֶען אִין הֵיילִיגֶען לַאנְד. אַזוֹי ווִיא פִּיל רבנים אוּנ חכמים
הָאבִּין מִיר דָאס נָאךְ פֿוּן לַאנְגָאן גִיזָאגְט, אוּנ אוֹיךְ יֶעצְט
אַז אִיךְ הָאבּ זֵייא גִיפְֿרֶעגְט, הָאבִּין מִיר אַלֶע דָאס זֶעלְבֶּע
גִיזָאגְט. אַז דָאס אִיז זֵייעֶר נֵייטִיג. אַזוֹי אִיז מַיין דֵעָה אַז מֶען
זָאל דָאס אִיבֶּערִיגֶע גֶעלְט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גִיבְּלִיבֶּן בַּייא
דִיא חברה וָואס אִיךְ הָאבּ דֶער פֿוּן גִישִׁיט מֶעהְר אוֹיס גֶעגֶעבְּן
נָאר 200 פּוּנְט שְׁטֶערְלִינְג. זָאל מֶען דֶם אִיבֶּערִיגֶע גֶעלְט אַוֶועק
גֶעבְּין צוּ מוֹיעֶרְן הַייזֶער אִין ירושלים. אַז דִיא אָרֶעמֶע לַייט
זָאלְן הָאבִּין בחנם דירות צוּם וואוֹינֶען, אוֹיף דֶעם זֶעלְבֶּען
אָרְט וואוּ אִיךְ הָאבּ אוֹיס עֶרְווֵיילְט. ווַייל דֶער אָרְט אִיז זֵייעֶר
אַגוּט גֶעלֶעגֶענְהַייט דֶער צוּ. אוּנ דֶער לוּפְֿט אִיז דָארְט זֵייעֶר
רֵיין אוּנ נָאךְ גוּטֶע גֶעלֶעגֶענְהַייטֶען. אוֹיךְ אִיז נֵייטִיג ווֶעגֶען
זֵייעֶר לַאגֶע צוּ פַֿאר בֶּעסֶערְן אוֹיף אִימֶער. אַז מֶען זָאל
בֶּעקַאנְט מַאכֶען. אִין אַלֶע לֶענְדֶער וואוּ יוּדֶען זֵיינֶען נָאר דָא
אַז אַלֶע וָואס דִיא לִיבְּשַׁאפְֿט פֿוּן צִיוֹן אוּנְד ירושלים רִירְט
אָן אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער. זָאלִין זַאמְלֶען נדבות פֿוּן יֶעדֶער
מֶענְשׁ ווִיא פִּיל זַיין הַארְץ וֶועט אִיהְם בֶּעווִילִיגֶן אוֹיף דֶער
גְרוֹיסֶע אוּנְד טַייעֶרֶע זַאךְ אַז מֶען זָאל קוֹיפְֿן פֶֿעלְדֶער אִין
אֶרֶץ ישראל אוּנְד מֶען זָאל גֶעבְּן צוּ דִיא וָואס ווִילֶען דִיא
הֵיילִיגֶע עֶרְד בֶּעאַרְבֵּייטֶן אוּנְד צוּ עֶסִין אִיהְר פְּרוּכְט. אוּנְד
אוֹיךְ צוּ בּוֹיעֶן פִּיל הַייזֶער אַרוּם ירושלים צוּ וואוֹינֶען פַֿאר דִיא
אָרֶעמֶע לַייט. נָאר אִיךְ ווֵייס אַז דִיא גִישֶׁעצְטֶע חברה אִין
עֶנְגְלַאנְד וָואס דוּא בִּיסְט דֶער פָֿארְשְׁטֵייעֶר פֿוּן אִיהְר וֶועט
גִישְׁט וֶועלִין אוֹיף זִיךְ אָן נֶעמֶען דֶעם לַאסְט פֿוּן דֶער זַאךְ.
אָבֶּער מַיין הָאפֶֿענוּנְג אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. אַז אַלֶע אוּנְזֶערֶע
בְּרִידֶער פֿוּן אַלֶע לֶענְדֶער. קֶענִין אִין דֶעם פִּיל טָאן. אוּנְד
קֶענִין פִּיל מִיט הֶעלְפִֿין, אַז זֵייא זָאלֶן נָאר דָאס זִיךְ נֶעמֶען
צוּם

צום הארץ . אונד דורך פיל חברות צו דעם תכלית קען מען צו דעם גרייכען . אונד אז פיל מענשען פאר איינגען זיך מיט איין הארץ . וועט מען קענען אויס פירען וואס מען פערלאנגט :

דאס איז אהייליגע שולדיגקייט אויף אלע מענשען וואס זייער הארץ קלאפט מיט ליבשאפט צו דעם הייליגען לאנד אז זייא זאלען זיך אלע פאר איינגען כיט אלע מיטלען , אז מען זאל בויען הייזער , אונד צו קויפען קאלניות פאר דיא ארעמע לייט . ארום צפת דארף מען צו קויפען קאלניות פאר זעכציג פאמיליעס . וואס דער עסטרייכישער קאנזול האט אויף דעם אויך מסכים געוועזן . אונד מען זאל זייא געבען דיא אלע כלים אונד בהמות וועלכע נייטיג איז צו דיא ערד ארבייט אונד מען זאל פאר זייא בויען הייזער צום וואוינען . אונד צום שיצונג פון היץ אונד פון רעגין . אונד אז מען וועט זאלכע קאלניות מאכען אויף פיל ערטער אין ארץ ישראל . איז מיין הארץ פאר זיכערט . אז דאס ארעמקייט וועט פון זייא פיל געמינערט ווערען , אונד נאך פיללייכט וועט מיט דעם דאס עניות אין גאנצען פאר מיטען ווערען פון דעם הייליגען לאנד :

אויך זאל מען וויסען אז דיא רעגירונג פון יעצט איז נישט אזוי שלעכט וויא עס איז אמאל געוועזן אין דעם הייליגען לאנד . דיא יעצטיגע רעגירונג טוט אונטער לעהנען אונ שטיצען , צו יעדער מענש וואס וויל זיך ערנערן מיט עהרע . איך האב פיל מאל גירעדט מיט דעם גישעצטין פאשא וואס איז אין ירושלים , האב איך גיזעהן אונ איך האב פאר שטאנען אז ער וויל מיר העלפען אין יעדער זאך וואס איך וועל נאר טאן אונד מאכען צו פאר בעסערן דיא לאגע פון אונזערע ברידער אין דעם הייליגען לאנד אונ ער זוכט מיט אלע זיינע קרעפטן צו פאר בעסערן דיא איינוואוינערס פון ירושלים . אונ אונטער זיין רעגירן שוין זיצען אלע גאנץ זיכער . און אונטער שייד צווישען דיא אמונות :

וואס

וואס אנבלאנגן אין ירושלים, האב איך יעצט געזעהן מיט פריידע אז דיא שטאט איז פיל פאר בעסערט געווארן מיט דעם וואס מאן האט דיא גאסן ברוקירט מיט שטיינער. אונ עס איז זייער ריין דארט; אויך וואס איך האב פריער געדאכט אז איך האב געגעבן הונדערט פונט שטערלינג פון דיא חברה אויף דאס וואסער קאנאל וואס מען האט געצויגן אין ירושלים, האט עס מיך געפרייט צו זעהן, ווייא דס וואסער גייען רוהיג דיא אלטע רינעס, וואס מען האט צו רעכט געמאכט, פון הינטער דיא שטאט פון דעם אורט וואס הייסט "אור שלמה". דר פאר קומט אויך צו דאנקן דעם פאשא פון ירושלים. וואס ער הט דס געטאן פר דיא איינוואוינער פון ירושלים, אונ די טובה דר פון איז גרויס אין איבעריגן פר דיא שטאט־לייט, מען זאל נאר אפ היטן די רינעס אלע מאל צו ריינעגן אז עס זאל ניכט פר דארבן. אונד פאר שטאפט ווערן די רינעס, איז דיא טובה זייער גרויס אז עס וועט שון ניכט פעלן קיין וואסער צו דיא וואס האבן אין ירושלים:

איך ווייא שיין איז דר רוסישער האמעל (גאנץ הויז) נעבן ירושלים, זייער שיין געמויערט, אונ איך בין דארטן געשטאנען דיא גאנצע צייט ווס איך וואר אין ירושלים, וואס דר רוסישער קאנזול דער טייערער הערר געניראל קארמטאף, האט מיך געבעטן אז איך זאל דארטן איין שטיין. דעם שיינעס געביא האב איך גוט בעזעהן, וואס דר קאנזול האט מיר געוויזן יעדער זאך אין אים. פיל טויזענטער רוסן וואס קומן צו זעהן ירושלים. געפינען דארטן איין נוטעם אפ רוהיג מיט אלע מענשלכע געבריך מיט גרויסע ריינקייט אויף זייער אגוטן אריינעם ארט ביט אנגעזונטע לופט, דר צו איז אויך דא זיין אפטייק, מיט אשפיטאל. אקירכע, האב איך מיר פאר וואונדרט אויף דעם שיינעם ארדענונג וואס דארטן איז, אויך איז דארטן דא גענוג וואסער, אז אום זומר ווען עס פעלט וואסר אין ירושלים. בקומט מען וואסער פון דאנען, וואס אלע דאנקן דאפיר דיא פירער פון דעם הויז. איך

סען

קֶען אִיךְ וַויזְן אַז עֶס אִיז יוּדְן פִיל פַר בֶּעסֶרְט גֶוָואֶרֶן אִין ירושלים וָואס בִּיז אַהֶער פְלֶעגְט אוּם פסח צוּ זַיין אִין ירושלים גְרוֹסֶע מְהוּמוֹת, אוּנ אוּנְזֶרֶע בְּרִידֶר הָאבֶּן דֶר פוּן זֵייעֶר פִיל גֶעלִיטֶן. אוּנְד דָם יָאהר אִיז גֶלוֹבְּט הַשֵׁם גֶוֶועֶן גַאנְץ שְׁטִיל רוּהִיג שָׁלוֹם: דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גְשְׁרִיבֶּן אַז ירושלים אִיז פִיל פַר בֶּעסֶרְט גֶוָוארְן. אִיז נִיט ירושלים אַלֵיין גְוָוארְן פַר בֶּעסֶרְט. נָאר אוֹיף דֶעם גַאנְצְן וֶועג פוּן יפו בִּיז ירושלים. הָאבּ אִיךְ גֶזֶעהֶן פִיל פַר בֶּעסֶרוּנג, אִין דִיא פֶעלְדֶער אַרְבֵּייט, אִין דִיא וִויסְטֶע וֶועגְן. אִיז אַלְץ גֶוָוארֶן פִיל פַר בֶּעסֶרְט וִויא עֶס אִיז אַמָאהל גֶוֶועְן. אוֹיךְ הָט מֶען מִיר גֶזָאגְט אַז עֶס אִיז גֶקוּמֶן אֵיין בַּפֶעהל פוּן סוּלְטָאן צוּ דִי פַּאשֶׁעס אַז זֵייא זָאלֶן דִי וֶועגֶן צוּ רֶעכְט מַאכֶן אוּנ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִיא וֶועגֶן זָאלְן זַיין אִין גוּטֶן אָרְדְנוּנְג:

אוּנְד וַוייל אִיךְ הָאבּ דָא גֶשְׁרִיבֶּן אַז אֶרֶץ ישראל בִּכְלַל אִיז יֶעצְט מִיט פִיל זַאכְן פַר בֶּעסֶרְט גֶוָוארֶן וִויא פְרִיעֶר. זָאל מֶען נִישְׁט מֵיינֶען אַז דַאדוּרְךְ דַארְפֶן זֵייא שׁוֹן נִישְׁט הָאבֶּן דִי הִילְפֶע פוּן זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער פוּן חוּץ לָאָרֶץ ח״ו. חס ושלום. קֵיינֶער זָאל אַזוֹי נִישְׁט מֵיינֶען אדרבא. פַר קֶערְט זֵיי דַארְפְן נָאךְ צוּ הָאבֶּן יָעצְט מֶעהר הִילְף, וָוארוּם עֶס אִיז יֶעצְט יֶעדֶער זַאךְ אוּנ דִירוֹת פִיל טַייעֶרער וִויא פְרִיעֶר. אוּנ אִיךְ קֶען אַייךְ פַר זִיכֶרֶען וֶוען עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט קוּמֶן שְׁטֶענְדִיג הִילְפֶע פוּן אוּנְזֶרֶע בְּרִידֶר פוּן חוּץ לָאָרֶץ. קֶען זֵייא אִין אַקוּרְצֶע צַייט נָאךְ פִיל עֶרְגֶער זַיין וִוי פְרִיעֶר אוּנ זֵיי קֶענְן חָלִילָה קוּמֶען אִין אַגְרוֹסֶע סַכָּנָה. מֶעהר וִוי פְרִיעֶר אוּנ דָם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶשְׁרִיבֶּן דִי אוֹפַנִים וִויא אַזוֹ מֶען זָאל זֵייעֶר לַאגֶע פַר בֶּעסֶרְן אוֹיף לַאנְגֶע צַייטֶן. אִיז זֵייעֶר נֵייטִיג אַז מֶען זָאל דָם טָאן וִויא צוּם גֶשְׁווִינְדֶעסְטֶן וָואס נָאר מֶעגְלִיךְ אִיז, אוֹבּ גְלַייךְ מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענְן פוּן זֵייא אָפּ טָאן דָם אָרֶמְקֵייט פוּן אוּנְזֶרֶע בְּרִידֶר אוּנ זֵייא גְלִיקְלִיךְ מַאכְן דָארְטֶן אוֹיף אֵיין מָאל דָאךְ קֶען מַאן זֵייא מִיט דֶעם פִיל פַר גְרִינְגֶרְן אוּנ פִיהל פַאר בֶּעסֶרְן. אוּנְד דָם וֶועט זַיין דֶר עֶרְשְׁטֶער טְרִיט צוּ זֵייעֶר גְלִיק

אות

אויף אימער ; נון מיין טייערער אייב גלייך איך האב דא גישריבן
זאלבע זאבען וואס גיהערין גישט צו מיין עיקר מיינונג. דאך
האף איך אז דאס וועט פאר אייך אנגענומין זיין. אונ דיא טייערי
חברה וועט זיך מיה געבן מיינע רייד איבעראלל בעקאנט צו
מאכען. אז אלע אונזערי ברידער אין דער גאנצער וועלט וואס
זייערי הערצער איז פול מיט גוטעס צו ציון אונ ירושלים. אונ צו
זייערע ברידער וואס זיצען אין דעם היילינגען לאנד. זאלן הערין
דער פון אונ זאלין פאר שטיין מיינע רייד. אונ זאלין מיט העלפן
מיט נדבות אונ מיט אלע קרעפטין צו פאר בעסערן דיא לאגע
פון אונזערי ברידר פון דאס היילינגע לאנד מיט אלע מעגליכקייט:

יעצט דאנק איך דעם אלמעכטיגען באשעפער פאר זיין גוטס
אונד חסד וואס ער האט מיט מיר געטאן, אז איך האב זוכה
גיוועזן נאך אמאל צו זעהן דאס היילינגע לאנד פון אונזערי עלטערן.
צו טרעטן אויף איהר ערד. אונ וואס ער האט מיך גילאזט לעבן
אונ מיך מזכה גיוועזן צו העלפען וויא פיל ארעמין אונד נויט
באדערפטיגע אונ צו בראכענע הערצער פון אונזערע ברידר.
אונ צו טרייסטען אלמנות אונ יתומים. אונ בעקאנט צו מאכען
פאר מענשן זייער פיין אונ נויט, אונ זייער גוטקייט אונ פרומקייט:

אך, גיב גאט דאס מיר זאלין נאך אלע זוכה זיין צו זעהן
דאס גוטעס וואס אונזערע היילינגע נביאים האבן אונז צו גיזאגט
אונד פאר זיכערט צו זעהן אין דיא היילינגע שטאדט ירושלים.
אונזער גלוסטיגקייט פון פריער. אונ דיא בענטשונג פון גאט
זאל אויף איהר רוהען. אונ זיין ליכט זאל אויף איהר שיינען אויף
אייביג אמן:

משה מונטיפיורי